ב"ה

# פארווארט

## דער נשמה פון די הגדה

מיט לויב און דאנק צו ה' יתברך, האבן מיר די זכות צו ארויסגעבן דעם נייעם קובץ, "דער נשמה פון די הגדה" - חסידישע געדאנקען אויסגעשטעלט אויפ'ן הגדה מיט א הדגשה און הדרכה אויף דעם טאג-טעגליכן לעבן. ווי באקאנט, דער בעל שם טוב האט אריינגעברענגט א חיות און א פרישקייט אין דעם לעבן פון כלל ישראל, און דער חיות האט ער איבערגעגעבן אין די תורה, ווי זיינע תלמידים און תלמידי תלמידים האבן אונז געוויזן במשך אלע דורות.

פנימיות התורה ווערט אנגערופן אין זוהר הק' "נשמתא דאורייתא", און אזוי ווי א לעבעדיגער מענטש האט א גוף און א נשמה, אזוי דארף אויף זיין אין מצוות, אז צוזאמען מיט דער גוף פון די מצוה, מוז אויך זיין די כוונה פון די מצוה, וואס דאס ברענגט א חיות און א לעבן אין קיום המצוות. דאס איז דער ציל פון אונזער הגדה, צו ברענגען די געדאנקען פון די הייליגע רבי'ס אין א פשוט'ע שפראך, **און עס איז דירעקט געשריבן געווארן אין א היימישע געשמאקע פליסיגע אידיש אז יעדער איינער זאל דאס קענען גרינג פארשטיין און לעבן דערמיט.**

## יציאת מצרים ביי יעדן איינעם יעדער יאר

עס שטייט אין הגדה "בכל דור ודור חייב אדם לראות עצמו כאילו הוא יצא ממצרים". סיפור יציאת מצרים איז נישט נאר אז מען דערציילט וויאזוי דער אייבישטער האט געראטעוועט אונזערע זיידעס און באבעס פון פרעה און זיי ארויסגענומען פון מצרים צו מתן תורה, נאר אז יעדער איינער דארף **אליין** יעדן יאר ארויסגיין פון מצרים. ווי חסידות איז מבאר, אז עס איז אלעמאל דא א "מצרים", עפעס וואס שטערט אדער באגרעניצט אונז, און לאזט אונז נישט דינען דער אייבישטער אויף וויפיל דער נשמה וויל. און א איד דארף זיך אלעמאל באפרייען פון זיינע אייגענע "מצרים", צו אויספירן דאס אינערליכע ווילן פון זיין נשמה.

און דאס איז דער "נשמה", דער פנימיות פון סיפור יציאת מצרים, דאס רעדן וועגן יציאת מצרים ערלויבט אונז און געבט דעם כח, אז יעדער איינער זאל קענען ארויסגיין פון זיין אינערליכע "מצרים", און "תעבדון את האלקים על ההר הזה", צו דינען דעם אויבערשטן, וואס דאס איז געווען דער ציל פון יציאת מצרים.

## "יציאת מצרים" - דער יסוד פון אונזער לעבן

"תורה" איז פון ווארט הוראה - אנווייזונג, און תורה ווערט אויך אנגערופן "תורת חיים" - א תורה פון לעבן, ווייל דורך אריינקוקן אין תורה קענען מיר לערנען די הוראות פאר אונזער לעבן.

איינס פון די עיקר ענינים אין תורה איז דער מצוה פון סיפור יציאת מצרים, ווי ערקלעקט אין "ספר החינוך" אז יציאת מצרים איז א "יסוד גדול ועמוד חזק בתורתנו ובאמונתנו" - א שטארקער יסוד וואס האלט אויף אונזער תורה און אמונה. און טאקע, דער נס פון יציאת מצרים איז אנדערש פון אלע ניסים מיט דעם וואס מיר זענען באפוילן צו דערמאנען יציאת מצרים יעדן טאג, און נאכמער אין דער נאכט פון פסח.

מיר קענען אסאך לערנען פון דעם ענין פון יציאת מצרים, און פון יעדן פרט. מיר דארפן נעמען פון דעם יום טוב א הוראה למעשה, עפעס וואס לערנט אונז וויאזוי זיך צו פירן, אויף גאנץ יום טוב, און נישט נאר אויף יום טוב, נאר אויף א גאנץ יאר. ווייל דער תכלית פון יעדן יום טוב איז אז אלע השפעות פון דעם יום טוב זאלן זיך ציען (נמשך ווערן) אויף א גאנץ יאר.

## דער הגדה

דער ציל פון אט דעם הגדה איז נישט צו צוזאמשטעלן א ביאור אויף די הגדה, נאר צו ארויסברענגען דעם מעסעדזש און דעם "נשמה" פון יציאת מצרים און וואס דאס מיינט פאר אונז היינט. דעריבער האט מען נישט אריינגעלייגט דעם גאנצן נוסח ההגדה אדער ביאורים פון פשט, נאר געדאנקען פון חסידות.

די ביאורים זענען מיוסד אויף די תורות פון אדמור"י חב"ד - ליובאוויטש זי"ע, און בעיקר די שיחות קודש און בריוון פון דער רבי כ"ק אדמו"ר מנחם מענדל זי"ע. עס איז כדאי אנצומערקן אז דעם קונטרס איז בלויז אויסצוגען פון די שיחות קודש, און ברענגט נאר ארויס אייניגע געדאנקען לויט דעם פארשטאנד פונ'ם מלקט. און דעריבער, בכדי צו זעהן דעם פולן בילד מיט מראי מקומות, איז כדאי צו נאכקוקן אין די מקורות וועלכע ווערן צוגעצייכענט אין די "רשימת המקורות" בסוף הספר. תן לחכם ויחכם עוד.

עס איז וויכטיג מדגיש צו זיין, אז דאס איז נישט סתם א ליקוט פון שיינע פשט'לעך אויף די הגדה, נאר יעדער ווארט און פירוש טראגט אין זיך א טיפע בליק און געבט איבער א שטארקע מעסעדזש פאר אונזער לעבן. דעריבער, ווען מען לערנט א פירוש, דארף מען זיך אפשטעלן און טראכטן א מינוט, וואס מיינט עס צו מיר - אין מיין לעבן, און וואס קען איך טון צו 'אריינעמען' די יסודות'דיגע געדאנקען טיפער אין הארצן, און פון פסח, עס נעמען אויך צו א גאנץ יאר.

מיר בעטן ביי ה' יתברך אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

בברכת חג פסח כשר ושמח

**אברהם ישעי' ראסקין**

אין נאמען פון "מכון ורעה אמונה"

שע"י "מרכז לתורת החסידות - לונדון"

# אינהאלט


מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה

אר"י הק': מ'דארף עס זאגן מיט א שמחה ........................................ ה

אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה

דער אייבישטער בארימט זיך מיט די אידן ........................................ ו

זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם

דער שטענדיגער "יציאת מצרים" ........................................ ז

זְמַן חֵרוּתֵנוּ

וואס איז אמת'ע פרייהייט? ........................................ ח

לַזְּמַן הַזֶּה

יעדע יאר ווי דעם ערשטן יאר ........................................ ט

הֵא לַחְמָא עַנְיָא

דער הקדמה צום סדר פון "מגיד" ........................................ י'

לַחְמָא עַנְיָא

אן ארעמע ברויט ........................................ י"ב

חָמֵץ אוֹ מַצָּה

"מיכלא דמהימנותא", דער מאכל פון אמונה ........................................ י"ג

הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין

"יושבין" און "מסובין" אינעם רוחניות'דיגן געביט ........................................ י"ד

מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר

"מצוה לספר" צו מאכן קלאר און ריין ........................................ טז

וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר.. הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח

יעדער איד דארף טון אין "סיפור יציאת מצרים" ........................................ טז

וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה ........................................ י"ז

**יְמֵי חַיֶּיךָ - הַיָּמִים**..........................................................................יח

**כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ**

יציאת מצרים אין גלות נעכט..........................................................................יח

**בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא**

א ברכה פאר יעדן קינד..........................................................................יט

**כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה**

זיך אפגעבן מיט יעדער קינד..........................................................................כ

**אֶחָד חָכָם וְאֶחָד רָשָׁע**

פארוואס זיצט דער חכם נעבן דעם רשע?..........................................................................כב

**וְאֶחָד רָשָׁע**..........................................................................כג

**חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר?**

וואס פרעגט דער חכם?..........................................................................כג

**רָשָׁע .. אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל**

אבער ביי דעם גאולה העתידה וועט ער ווערן באפרייט..........................................................................כה

**מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ**

יעדער איינער באפרייט זיך פון זיין פריערדיגער "עבודה זרה"..........................................................................כו

**וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ**

דער אייבישטער איז אונז "יעצט" מקרב..........................................................................כז

**צֵא וּלְמַד**

צא ולמד - כדי צו לערנען דארף מען ארויסגיין..........................................................................כח

**וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר**

א איד באלאנגט נישט אין גלות!..........................................................................כט

**עַל פִּי הַדִּבּוּר**

דער אייבישטער פירט יעדער איינער וואו ער דארף אנקומען..........................................................................כט

**וַיָּגָר שָׁם**

שיהיו עניני הגלות זרים..........................................................................ל

וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי.
אין זכות פון אידישע שטאלץ ........................................................ לא

וְאֶת עֲמָלֵנוּ - אֵלּוּ הַבָּנִים
חינוך ווערט נאר דורך הארעוואניע!........................................................ לב

כָּל הַבֵּן הַיִּלוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ
אריינווארפן די קינדער אין דעם "יאור" פון "תכלית"........................................ לד

וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם.. אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ
יעדעס יאר צו יעדן איינעם........................................................ לה

אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ
מען דארף אליין גיין העלפן דעם צווייטן ........................................................לו

גּוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי
די געבורט פון כלל ישראל ........................................................לז

דָּם, צְפַרְדֵּעַ
"דם" א ווארעמקייט צו קדושה ........................................................ לח

צְפַרְדֵּעַ
צו צוברעכן דעם קליפה פון מצרים........................................................מ

וְסִפֵּק צָרְכֵנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה
די אידן האבן זיך אינגאנצן פארלאזט אויפ'ן אויבערשטן ........................................ מב

פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר
דריי סארטן עסן ........................................................ מג

פֶּסַח שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים
קרבן פסח - פארברענען די "עבודה זרה" פון מצרים ........................................מה

פֶּסַח עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח
א יום טוב פון "שפרינגען" און "איבערשפרינגען"........................................מו

לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם
"יציאת מצרים" אין גוף, אין נשמה, און אין וועלט ........................................מח

**וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל**

**וואס איז טאקע לעכטיג? ....................................................................... נ**

**רָם עַל כָּל גּוֹיִם ה'.. הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת**

**דער אייבישטער לאזט זיך אראפ צו אונז ....................................................נא**

**מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת**

**יציאת מצרים - דער געבורט פון כלל ישראל.................................................נא**

**מַצָּה**

**מצה איז דער מאכל פון אמונה......................................................... נג**

**צָפוּן**

**צו מבטל זיין דעם יצר הרע וואס באהאלט זיך ..............................................נד**

**שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ**

**בעטן אויף רוחניות בשעת'ן סדר ...................................................................נו**

**לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם**

**באפרייען זיך פון דעם זארג "וואס וועט דער גוי זאגן"............................................ נז**

**וֵאלֹקֵינוּ בַשָּׁמַיִם, כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ עָשָׂה**

**דעם אויבערשטן'ס רצון איז אויך מצוות .......................................................נח**

**עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב**

**זיי ווערן אין "עצבות" פון גאלד און זילבער ..................................................נח**

**עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ**

**"אבער נישט פויערישע יארן וואס מען זעט נישט קדושה" ...................................נט**

**לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם**

**דער סיום פון די הגדה...................................................................ס**

# סדר ההגדה

אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא דְמַלְכָּא עִלָּאָה, דָא הִיא סְעוּדָתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ:

כשחל בשבת אומרים תחלה 'ויכלו' ואח"כ מתחילין כאן:

סַבְרִי מָרָנָן: בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם, וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן, וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו. וַתִּתֶּן לָנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ בְּאַהֲבָה (לשבת שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּ)מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה, חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן, אֶת יוֹם (לשבת הַשַּׁבָּת הַזֶּה וְאֶת יוֹם) חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה וְאֶת יוֹם טוֹב מִקְרָא קֹדֶשׁ הַזֶּה זְמַן חֵרוּתֵנוּ (בְּאַהֲבָה) מִקְרָא קֹדֶשׁ, זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ מִכָּל הָעַמִּים (וְשַׁבָּת) וּמוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ (לשבת בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן) בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן הִנְחַלְתָּנוּ. בָּרוּךְ אַתָּה ה', מְקַדֵּשׁ (הַשַּׁבָּת וְ)יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים:

בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

## מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה

### אר"י הק': מ'דארף עס זאגן מיט א שמחה

**דער** אריז"ל שרייבט אז דער הגדה דארף זיין "בקול רם ובשמחה רבה", מיט א הויכ'ן קול, און מיט גרויס שמחה, ווייל עס איז נישטא אזא זמן שמחה ווי דער שמחה פון דער שכינה אויף דער נאכט פון פסח.

## דעם גרויסן שמחה פון א יום טוב

**אלע** ימים טובים ווערן אנגערופן מיט דעם נאמען "מועדים לשמחה" - א קבוע'דיגע (געשטעלטע) צייט אויף שמחה. דער שמחה פון דעם טאג איז צוליב דעם וואס דער מענטש ווערט נענטער צום רבונו של עולם אין די טעג אויף אן אופן אז יעדער מענטש קען פילן און פארשטיין דעם תוכן פון דעם יום טוב, ביז ער פריידט זיך פון דעם גרויסקייט און קירוב צום באשעפער פון דעם טאג.

**דער** "בעל התניא" ברענגט א משל אויף דעם שמחה פון יום טוב, פון א פרינץ וואס איז געווען אין טורמע א לאנגע צייט, און דערנאך ווען ער איז באפרייט געווארן און ער האט דערזען זיין טאטע דער קעניג איז ער אנגעפילט געווארן מיט א מורא'דיגע בענקעניש. אזוי איז אויך מיט דער נשמה. די נשמה זייענדיג אין דעם גשמיות'דיגן וועלט, פילט זיך זייער ווייט פונעם אויבערשטן, ווייל די וועלט פארשטעלט אים פונעם באשעפער. אבער ווען עס קומט א יום טוב, און עס שיינט ביי אים דער אור פון דעם יום טוב, ווערט דער נשמה פרייליך אזוי ווי ווען דער פרינץ ווערט באפרייט, און דאס איז א מעין פון דעם געשמאק פון דער נשמה אין גן עדן.

## דער השפעה פון א יום טוב אויף דעם גאנצן יאר

**יעדער** יום טוב טראגט א געוויסע תוכן און געדאנק, און געבט כח פון דער נשמה אין דעם ענין, וואס האלט דער מענטש ביז דעם זעלבן יום טוב, די נעקסטע יאר. פסח איז דאס נאך שטערקער, אז דער יום טוב פון פסח האט א שטענדיגער פעולה אויף א מענטש, און יעדער מינוט פון טאג איז דא א שיין פון פסח.

# אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה

## דער אייבישטער בארימט זיך מיט די אידן

**אין** די תורה ווערט דער יום טוב אנגערופן "חג המצות", אבער מיר רופן אן דעם יום טוב מיט דעם נאמען "חג הפסח". זאגט אויף דעם דער הייליגער

"קדושת לוי" אז דער טעם דערפון איז, ווייל דער אייבישטער דערציילט וועגן די מעלה פון די אידן - "שבחן של ישראל", און זייער שטארקע אמונה אז "לא התמהמהו", זיי זענען ארויס צו א וויסטע מדבר אן גענוג וואסער און עסן, און האבן זיך איינגאנצן פארלאזט אויפ'ן אויבערשטן. און אידן רופן אן דעם יום טוב "חג הפסח", אויף דעם וואס דער אייבישטער האט איבערגעשפרינגען אויף די אידישער הייזער צוליב זיין שטארקע ליבשאפט צו אונז.

## זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם

### דער שטענדיגער "יציאת מצרים"

**די** תורה איז "תורת חיים", א וועג ווייזער אין לעבן, און פאדערט פון יעדן איד צו געדענקען, ד.ה. צו איבערלעבן דעם "חרות", יציאת מצרים, יעדן טאג אין אונזער לעבן. ווי חז"ל זאגן "בכל יום חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", אין יעדן דור מוז א איד זיך **זען** אזוי ווי ער איז אין דעם טאג ארויס פון מצרים.

**דער** אנזאג איז פאר יעדן דור, ווי דער בעל התניא שרייבט (תניא פרק מז) "בכל יום" יעדן טאג - סיי ליכטיגע צייטן פון די בית המקדש, און סיי פינסטערע דורות פון שמד ר"ל, אין יעדן דור. און כאטש נעכטן האט ער איבערגעלעבט יציאת מצרים, דארף ער היינט פונדאסניי דורכמאכן "יציאת מצרים", און מארגן ווידעראמאל. ווייל דער אינהאלט פון "יציאת מצרים" באשטייט פון זיך באפרייען פון די שטערונגען און שוועריגקייטן, וועלכע שטייען אין וועג און לאזן אים נישט זיין וואס ער דארף זיין און טון וועס ער דארף טון. דעריבער מוז זיין א שטענדיגע "יציאת מצרים", גיין העכער און העכער.

## זְמַן חֵרוּתֵנוּ

### וואס איז אמת'ע פרייהייט?

**"חירות"** - "פרייהייט". אין מצרים זענען אידן געווען קנעכט צו פרעה, און דורך יציאת מצרים און מתן תורה זענען אידן געווארן "עבדי ה'". און טאקע, די גאנצע יציאת מצרים איז געווען צוליב דעם אז מיר זאלן דינען דעם אויבערשטן, "תעבדון את האלקים על ההר הזה".

**דאס** קומט אונז צו לערנען א וויכטיגע זאך: אמת'ע פרייהייט איז ווען מיר קענען טון וואס מיר ווילן באמת. דעריבער איז מתן תורה, און דערנאך קיום התורה והמצוות די אמת'ע פרייהייט פון א איד, וויבאלד דאס איז זיין אמת'ע רצון און זיין אינערליכע ווארנשט. ווייל די איינציגסטע גלוסט פון דער נשמה איז זיך צו פארבינדן צום אייבישטער דורך תורה און מצוות. און אזוי אויך פארקערט, אז א מענטש איז אין א מצב וואס פון אים ווערט צוריקגעהאלטן דער מעגליכקייט צו דינען דעם אייבישטער, איז דאס דער אמת'ער און טיפסטער עבדות.

### א איד איז שטענדיג א "בן חורין"

**דער** מהר"ל איז מבאר אז יציאת מצרים האט גע'פועל'ט אן אייביגע אויפטו, אז א איד איז אלעמאל א "בן חורין", און שטייט העכער פון די גלות פארשקלאפונג. דאס איז וואס מיר זעען טאקע, אז אין אלע אומשטענדן זענען אידן געשטאנען מיט מוט און פעסטקייט נישט נתפעל צו ווערן פון די גוים וועלכע שטייען קעגן אונז.

**ווי** באוויסט פיל מעשיות פון אידן וועלכע זענען געווען אין לאגער, און זענען אריבער געפערליכע יסורים, און מיט דעם אלעם האבן זיי געפראוועט פסח מיט שמחה און פרייד, פול מיט אמונה אין דעם אויבערשטן אז ער וועט זיי ראטעווען. דער סיבה צו דעם איז וויבאלד דער געדאנק פון פרייהייט איז מער אין קאפ ווי אין די מצב וואס טוט זיך ארום און ארום.

**מען** זעט אויך פארקערט אז אפילו איינער וואס האט דעם גרעסטן רייכטום, קען גאר זיין פארשפארט אין א געפערליכן אינערליכן טורמע, צוליב דעם וואס ער איז אין א נשפיות'דיגע קלעם. פופציג יאר צוריק בערך, האט געלעבט א רייכער גוי מיט'ן נאמען "יוז", אין זיינע צייטן איז ער געווען דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט. דער מענטש - וואלט מען געטראכט - האט אלע מעגליכקייטן און קען טון אלץ וואס ער וויל, און מ'וואלט זיך געקענט פארשטעלן אז ער איז דער גליקליכסטער מענטש. למעשה אבער, מיט אלע זיינע פארמעגנס, איז ער געווען דער גרעסטער עבד. ער האט מורא געהאט ארויסצוגיין פון שטוב טאמער איינער וויל אים שיסן, ער האט געציטערט צו עסן, אויב וויל אים איינער פאר'סמ'ן און צונעמען זיין געלט. במילא, אין זיינע רייכסטע צייטן, האט ער געלעבט אונטער א געפערליכן פחד און מורא, און איז אין די ענד משוגע געווארן פון דעם.

**זעט** מען, אז דער עיקר "חירות" איז אין דעם מענטש אליין, אז ער פילט ווי ער איז א "בן חורין". און יעדער איינער קען זיך באפרייען פון אלע שטערונגען.

# לַזְּמַן הַזֶּה

## יעדע יאר ווי דעם ערשטן יאר

**דער** חיד"א ברענגט פונעם אריז"ל אז יעדעס יאר, ווען מען דערמאנט די געשעעניש פון דער יום טוב, שיינט דעם געוואלדיגן רוחניות'דיגע ליכט פון אויבן און עס ברענגט אלע גוטע השפעות, פונקט ווי דעם ערשטן מאל ווען דער נס איז געשען (ספר לב דוד, הובא ברמ"ז תיקון שובבים). דעריבער, פונקט ווי ביי יציאת מצרים האט דער אייבישטער זיך אנטפלעקט צו די אידן, אזוי געשעט יעדן יאר. דעריבער איז וויכטיג צו רעדן וועגן דער יום טוב און אירע השפעות, אזוי אז דער יום טוב זאל

האבן א טיפערע באדייט און דער רוחניות'דיגע ליכט זאל דורכנעמען דעם מענטש.

**דער** צמח צדק שרייבט אין זיין ספר "דרך מצוותיך", אז כאטש וואס מיר פילן נישט היינט דעם רוחניות'דיגן ליכט, אבער דער אור און קדושה פון דער יום טוב שיינט אינעם נשמה, און געבט צו אסאך כח צו דינען דעם אייבישטער מיט שמחה און געשמאק.

**הֵא לַחְמָא עַנְיָא דִּי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם. כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל, כָּל דִצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח, הַשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל הַשַׁתָּא עַבְדִין לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין:**

## הֵא לַחְמָא עַנְיָא

### דער הקדמה צום סדר פון "מגיד"

**דעם** שטיקל "הא לחמא עניא" שטייט אונטער דעם קעפל "מגיד", כאטש אז עס קומט נישט אלץ ענטפער צו דער "מה נשתנה", נאר דאס איז א הקדמה צו מגיד, צו פארענטפערן צום קינד עטליכע קשיות, וועלכע שטערן אים צו צוגיין צום סדר:

**דער** קינד וואונדערט זיך, וואס איז די גרויסע שמחה פון יציאת מצרים מיט דעם רכוש גדול, ווען מיר זענען יעצט נאך אין גלות, און ליידער זענען דא ארימע אידן? אויך וואונדערט דעם קינד, וויבאלד אז ביי יציאת מצרים זענען אלע אידן געווען צדיקים, וואו קומט עס אז היינט זענען דא די רשעים? און די שאלות זענען נישט סתם שאלות, נאר שאלות וואס לאזן אים נישט אנהייבן דעם סדר, און זיי ווערן פארענטפערט דורך דער "הא לחמא עניא".

## מיר זענען נאך אין א געוויסע "מצרים"

**דער** "הא לחמא עניא" הויבט זיך אן אז די מצות האבן די אידן געגעסן זייענדיג נאך אין מצרים "בארעא דמצרים". שטעלט זיך די שאלה, אונז עסן מצות אלס זכר צו די מצות וואס אידן האבן געגעסן ביים 'ארויסגיין' פון מצרים, איז פארוואס זאגט מען "דאכלו אבהתנא בארעא דמצרים".

**ווייטער** זאגן מיר "השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל, השתא עבדי לשנה הבא בני חורין", יעצט זענען מיר נאך דא, אבער נעקסטע יאר וועלן מיר שוין זיין אין ארץ ישראל. דא פרעגט זיך אויך דער שאלה, מיר פייערן דאך דאס וואס מיר זענען געווארן "בני חורין", פארוואס איז וויכטיג צו מדגיש זיין אז מיר זענען יעצט עבדים?

**נאר** דער ביאור אויף דעם איז, אז אין די ווערטער ליגט א פונדאמענטאלע יסוד, אז אויך ביי יציאת מצרים זענען די אידן נאך נישט ארויס אינגאנצן פון דעם טיפערן אינהאלט פון "מצרים", פון קנעכטשאפט צו פרעה. נאר ווייל דער אייבישטער האט אונז ארויסגעשלעפט זענען מיר פריי, אבער מצד אונז אליין, וואלטן מיר נאך געהערט צו פרעה. ווי מען זאגט שפעטער אז "אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו.. משועבדים היינו לפרעה במצרים".

**ווי** עס ווערט ערקלערט אין ספרים אז פון יציאת מצרים ביז דער גאולה העתידה איז איין לאנגע המשך פון יציאת מצרים. דעריבער דארפן מיר ארויסגיין פון אונזער אייגענע "מצרים". קומט אויס, אז אין א געוויסע מאס, שטייען מיר נאך אין א געוויסע בחינה פון "מצרים", און דערפאר זענען נאך אלס דא רשעים און נישט אלע אידן האבן דעם "רכוש גדול". דעריבער, כאטש די מצה איז אלץ זכר צו די מצה וואס די אידן האבן געגעסן ארויסגייענדיג פון מצרים, הייסט עס נאך "בארעא דמצרים", ווייל די אידן זענען אפילו נאכן ארויסגיין נאך געווען אין די "אייגענע מצרים".

## השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל

**אויב** אזוי, פרעגט דער קינד, אויב מיר זענען נאך אין א געוויסע מצרים פארוואס פראוועט מען דעם גאנצן סדר וועגן "יציאת מצרים"? אויף

דעם ענטפערט מען אז כאטש מיר זענען נאך "השתא הכא" אין גלות, אבער יציאת מצרים האט אויסגע'פועל'ט אז "לשנה הבאה" - די אנהייב פון דער גאולה, און בכח פון יציאת מצרים וועט אט אט קומען דער גאולה השלימה.

# לַחְמָא עַנְיָא

## אן ארעמע ברויט

**דער** מצוה פון עסן מצה איז מען יוצא נאר מיט "לחם עוני", אן ארעמע ברויט, געמאכט פון א טייג וואס האט נאר וואסער און מעל, און האט נישט קיין טעם. אויב מישט מען אריין אביסל אויל, אייער אדער פרוכט-זאפט, ווערט שוין א טעם, און דער מצה ווערט שוין א "רייכע מצה" - "מצה עשירה", און מען איז נישט יוצא מיט דעם דער מצוה פון עסן מצה.

**דא** איז מרומז די עבודה פון א מענטש: "מצה עשירה" - מצה מיט א טעם, ווייזט אויף עבודת ה' מיט א "טעם", מיט געפיל און פארשטאנד. דאגעגן "לחם עוני" - ארעמע ברויט, ווייזט אויף א 'טרוקענע' עבודה, ווען מען פילט נישט קיין טעם און געשמאק, נאר דער עבודה ווערט געטון מיט קבלת עול, אזוי ווי דער טייג פונעם מצה איז געקנעטן געווארן מיט וואסער וואס האט נישט קיין טעם.

**אין** מצרים זענען די אידן געווען אויף גאר א נידעריגע מדריגה, און דעריבער ווען "נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם", ווען דער אייבישטער האט זיי באפרייט, האט ביי זיי געשיינט דער אמונה, אבער עס האט זיי נישט דורכגענומען, וויבאלד זיי זענען נאך נישט געווען גרייט צו דעם. און אזוי געשעט יעדעס יאר, אז "נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה", עס ווערט נתעורר ביי יעדן איינעם דער אמונה אין ה', אבער דער מצה איז "לחם עוני", ארעמע ברויט, ווייל עס מאנט זיך א סדר אין עבודת ה' פון דער מענטש, וואס דאס זענען די ספירה טעג.

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת. שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְעָמִים: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ אוֹ מַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה מָרוֹר: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין:

## חָמֵץ אוֹ מַצָּה

### "מיכלא דמהימנותא", דער מאכל פון אמונה

**דער** פשוט'ע חילוק צווישן חמץ ומצה באשטייט פון דעם וואס חמץ ווערט אויפגעבלאזן, אבער מצה בלייבט פלאך. דער זהר הק' איז מבאר אז אין דעם ליגט א טיפערע געדאנק פון מצה און איסור חמץ, אז חמץ ווייזט אויף דעם יצר הרע, וואס זיין עיקר יסוד באשטייט אין זיין אייגענע גאוה און ישות, אז ער "בלאזט פון זיך", אבער חמץ, וואס הייבט זיך נישט, ווייזט אויף ביטול, דער ביטול צום באשעפער.

**און** דא קומט אריין א וויכטיגע לערנונג: אידן ביי יציאת מצרים, זענען געווארן פריי פון פרעה'ס מאכט, און זענען ארויס מיט א תוקף אויף א גרויסע פארנעם, "ביד רמה". דער תוקף און שטארקייט, איז נישט געווען א סתירה צו דער ביטול, נאר פארקערט, נאר דורך דעם ביטול צום באשעפער קען ווערן אן אמת'ע תוקף, וויבאלד ער איז בטל צום באשעפער ווערט ער נישט נתפעל פון קיין שום זאך, און פירט דורך אלעס וואס השי"ת פארלאנגט. דאס איז אויך פארוואס אידן ווערן אנגערופן ביי יציאת מצרים "צבאות ה'", דער ארמיי פון ה'.

### גיין מיט א תוקף, און מיט ביטול

**אזוי** ווי א סאלדאט גייט מיט א תוקף, און גייט אויף מלחמה מיט א מארטש און פרייד, איז דער תוקף נישט פון זיין אייגענע כח, נאר ער שטורעמט

דער תוקף פון זיין לאנד, אזוי אויך א איד, איז זיין תוקף נישט קיין אייגענע, מצד זיך, נאר פון דעם גרויסקייט פון דעם הייליגן באשעפער.

**און** דאס לערנט אונז, אז עס פאדערט זיך פון א אידביידע תנועות צוזאמען, פון איין זייט, דארף ער זיין אנגאנצן איבערגעגעבן צום רבונו של עולם מיט אלע זיינע רצונות, פון צווייטן זייט דארף ער גיין מיט א תוקף, טון דעם רצון ה', און נישט נתפעל ווערן פון אלע וועלכע שטערן, "אל יבוש בפני המלעיגים", וואס דאס איז דער ערשטער דין אין שלחן ערוך, וואס שאפט א וויכטיגע יסוד וואס האלט אויף אז מיר זאלן מקיים זיין די אלע הלכות.

## הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין

### "יושבין" און "מסובין" אינעם רוחניות'דיגן געביט

**ווען** א מענטש שטייט, איז דער קאפ העכער ווי דעם גאנצן גוף. ווען ער זיצט, בייגט ער די קאפ, און לאזט זיך אראפ אביסל, אבער דער קאפ בלייבט נאכאלטס העכער ווי דער גוף, און דער גוף איז העכער פון די פיס. אבער ווען א מענטש ליגט אויף א בעט - מסובין, דעמאלטס זענען די קאפ מיט די פיס גלייך.

**ענליך** איז שייך ביי די עבודה פון א מענטש: "שטיין" ווייזט אויף ווען דער מענטש פילט אז ער האלט שוין ביי שלימות, און ער פילט זיין מעלה, אז ער איז העכער ווי אנדערע. ווען מען זיצט "יושבין", לאזט מען זיך אראפ אביסל, דער קאפ איז געבויגן, אבער מען פילט נאך די אייגענע מציאות. אבער "מסובין" - ווען די קאפ און די פיס ליגן גלייך - ווייזט אויף א מענטש וואס דער ביטול צום אייבישטער נעמט אים אינגאנצן אדורך, אז ער האלט זיך אינגאנצן נישט פאר אן אייגענע חשיבות.

**דעריבער** דער נאכט פון פסח, ווען עס שיינט אריין אין אונז דער אמונה אויף א הויעכן פארנעם, איז דא דער "ביטול במציאות", א פולקאמער ביטול צום אויבערשטן.

## וואס האב איך א שייכות מיט אזא מין הייליגע נאכט?

**יעצט** פרעגט זיך דער שאלה, "כאן הבן שואל": יעדער איינער ווייסט דאך וואו ער אליין האלט, און ווייסט אז עס פעלט ביי אים זייער שטארק דעם ביטול. און מצד דעם וואס ער פילט זיין ישות, קען ער אראפפאלן און טון ענינים וואס איז נישט פאר'ן אייבישטער, ביז אפילו צו טון דברים אסורים. במילא פרעגט ער: וואס האב איך א שייכות צום סדר נאכט און צו "כולנו מסובין" צו אזא מין הויכע מדריגה אין עבודה, ווען איך האלט נאך זייער ווייט פון דעם?!

**אויף** דעם קומט דער תירוץ: "עבדים היינו לפרעה במצרים", אז אויך אין מצרים זענען מיר געווען אויף גאר א נידעריגע מדריגה, עס זענען אפילו געווען אידן וואס האבן געדינט עבודה זרה "הללו עובדי עבודה זרה", אבער מיט דעם אלעם, "ויוציאנו ה' אלקינו משם", האט דער אייבישטער אונז ארויסגענומען. אזוי אויך יעדן יאר, וויבאלד אז "נגלה עליהם", דער אייבישטער שיינט אויף אונז, און שלעפט אונז ארויס פון אונזער מצב, זענען מיר היינט ביינאכט שייך צו די העכסטע מדריגות, און טאקע פון דעם נאכט וואס עס שיינען די העכטע רוחניות'דיגע ענינים, "נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה" - דאס געבט פאר א מענטש דעם כח אז שפעטער זאל ער קענען אליין הארעווען און זיך אויסאיידלען בעסער און טיפער.

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם וַיּוֹצִיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם. וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרָיִם וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח:

# מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר

## "מצוה לספר" צו מאכן קלאר און ריין

**עס** שטייט אין ספרים אז דער ווארט "סיפור", איז אויך פונעם לשון "אבן ספיר" - א ברליאנט, א שיינע ליכטיגע שטיין, וויבאלד אז רעדן וועגן יציאת מצרים איידלט אונז אויס, אז דער נשמה זאל קענען שיינען אין אונז א גאנץ יאר און באלייכטן אונזער לעבן.

**דער** רבי רש"ב האט אמאל געזאגט: "אין דעם יציאת מצרים פון חסידות, איז פאראן די מצוה פון סיפור יצ"מ בדבור, דערציילן חסידישע סיפורים און דערהערן דעם סיפור אין א פנימית דפנימית. מ'דארף וויסן אז ידער סיפור איז א הוראה לחיים. יעדער סיפור דארף ברענגען א מדה טובה און א חיות פנימי אין הידור מצוה און דערהערן דעם דרכי נועם פון תורת החסידות."

# וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר.. הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח

## יעדער איד דארף טון אין "סיפור יציאת מצרים"

**דער** "הגדת שמחת הרגל" לערנט פון דעם לשון "**וכל** המרבה" - "**יעדער** וואס איז מרבה צו דערציילן", אז די כוונה אין דעם לשון, קומט לערנען אז דער חיוב צו דערציילן וועגן יציאת מצרים איז אויך חל אויף די כהנים און לויים און אזוי אויך אויף גרים, כאטש זיי זענען נישט געווען אונטער פרעה'ס גזירות. ווי באקאנט, אז די לויים זענען נישט געווען משועבד אונטער פרעה (רש"י עה"פ שמות ד, ה).

**אלס** ראי' צו דעם ברענגט דער בעל ההגדה גלייך דער משנה "מעשה ברבי אליעזר", וואס די רוב אדער אלע פון די פיר צדיקים זענען געווען אדער כהנים און לויים אדער פון גרים און זענען נישט געווען אונטער שעבוד מצרים, אבער נאך אלס פלעגן זיי מרבה זיין צו רעדן וועגן יציאת

מצרים. כאטש אז גלות מצרים האט זיי נישט געשטערט, איז דא דער מצוה צו 'מרבה' זיין אין דערציילן וועגן יציאת מצרים.

### וואס מיינט דאס צו אונז?

**א** מענטש קען מיינען אז ער שטייט העכער פון "מצרים", אויך פון דעם רוחניות'דיגן "מצרים" - דער יצר הרע וואס שטערט דעם מענטש פון עבודת ה'. מיינט ער אז וויבאלד אז ער האט נישט צו טון מיט "מצרים", דעריבער איז ער 'פטור' פון סיפור יציאת מצרים. אויף דעם ענטפערט מען אז פונקט ווי די תנאים האבן גערעדט א גאנצער נאכט וועגן יציאת מצרים, כאטש נישט זיי און נישט זייערע זיידעס זענען געווען אונטער די מצריים, אזוי אויך ביי אונז, אז יעדער איינער דארף טון אלץ וואס ער קען צו ראטעווען דעם צווייטן פון זיין "מצרים", פון אלץ וואס שטערט יענעם אין זיין עבודת ה'.

מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּים בִּבְנֵי בְרַק וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם רַבּוֹתֵינוּ הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית:

## וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה

**"לילה"** אין א טיפערן באדייט, גייט ארויף אויף די גלות, ווען עס איז פינסטער, און עס שיינט נישט קיין רוחניות. רבי עקיבא האט דערהערט און געזען דער תכלית פון גלות, אז דאס איז נאר א הכנה צו שפעטער.

אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה וְלֹא זָכִיתִי שֶׁתֵּאָמֵר יְצִיאַת מִצְרַיִם בַּלֵּילוֹת עַד שֶׁדְּרָשָׁהּ בֶּן זוֹמָא שֶׁנֶּאֱמַר לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ. יְמֵי חַיֶּיךָ הַיָּמִים כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא הַלֵּילוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים יְמֵי חַיֶּיךָ הָעוֹלָם הַזֶּה כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ:

## יְמֵי חַיֶּיךָ - הַיָּמִים

**'ימי** חייך - הימים', שיהיו לעבעדיגע טעג, אידישע טעג, 'כל ימי חייך - להביא הלילות', להביא חיות בתוך הלילות, שיהיו אידישע נעכט.

**'ימי** חייך עולם הזה', שיהי' אידישע עולם הזה,

## כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ

### יציאת מצרים אין גלות נעכט

**ווי** דערמאנט שוין עטליכע מאל, זאגן חז"ל אז א מענטש דארף שטענדיג ארויסגיין פון "מצרים", און די חסידישע ספרים ערקלערן אז "מצרים", נעמט זיך פון דעםווארט "מיצר" - ענגשאפט, און "יציאת מצרים" איז דער באפרייאונג פון דער נשמה פון די ענגשאפט און שטערונגען פון דעם גוף און פון דער וועלט, און ווערן פארבונדן און פאראייניגט מיט דעם אויבערשטן דורך תורה און מצוות.

**אין** דעם איז דער חידוש פון בן זומא, אז אפילו ווען א מענטש געפינט זיך אין דעם פינסטערניש פון דער "גלות-נאכט", ווי דער זוהר הק' רופט אן גלות "נאכט" (זהר ח"ג סז, ב), ווען מען פילט נישט דער ליכטיגקייט פון דער אייבישטער, אפילו אזא מענטש קען ארויסגיין פון זיין מצרים. ווי דער מהר"ל ערקלערט (גבורות ה' פרק סא) אז דורך יציאת מצרים זענען די

אידן געווארן אויס "עבדים", און זענען געווארן שטענדיגע "בני חורין", אז קיינער אנדערש איז נישט בעל הבית אויף דעם איד.

## "להביא לימות המשיח" - צו ברענגען משיח

**חכמים** לייגן צו נאכמער, אז נישט נאר "בלילות" - א מענטש קען ארויסגיין פון זיין גלות, נאר "כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ". אז יציאת מצרים איז געווען א "התחלה", אן אנהייב אויך פאר די קומענדיגע גאולות, אפילו אויף דער קומענדיגע גאולה השלימה, וואס נאך דעם גאולה וועט ווערן אויס גלות. און וויבאלד אז דער גאולה העתידה איז א המשך און דער תכלית פון גאולת מצרים, דעריבער איז דא אויך יעצט, באהאלטענערהייט, דעם אויפטו פון ימות משיח. דאס איז "כל ימי חייך להביא לימות המשיח", אז אויך אין אונזערע טעג, זייענדיג אין גלות, קען א איד זיך דערהייבן צו לעבן מיט א העכערע און הייליגע לעבן, ווי עס וועט זיין לעתיד.

**מיט** דעם האבן צדיקים געלערנט נאך א טייטש, אז דער ציל און וואונטש פון די גאנצע לעבן - "כל ימי חייך", איז צו ברענגען דער גאולה - "להביא לימות המשיח", ווייל דער גאולה העתידה ווערט צוגעגרייט דורך אונזער עבודה פון מקיים זיין תורה און מצוות.

בָּרוּךְ הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בָּרוּךְ הוּא כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה אֶחָד חָכָם וְאֶחָד רָשָׁע וְאֶחָד תָּם וְאֶחָד שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל:

## בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא

### א ברכה פאר יעדן קינד

**אלץ** הקדמה צום ענין פון די ארבעה בנים, זאגט מען "ברוך המקום ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל ברוך הוא".

**עס** זענען דא דעות, אז דער לשון איז נתקן געווארן מצד דעם סדר וואס איז אמאל געווען, אז דער ראש המשפחה האט געזאגט "ברוך המקום", און אלע פלעגן ענטפערן "ברוך הוא", און דערנאך פלעגט דער ראש המשפחה זאגן "ברוך שנתן תורה לעמו ישראל", האבן אלע נאכאמאל געענטפערט "ברוך הוא".

**אין** דעם ספר "שבלי הלקט" ווערט מבואר אז די פיר מאל "ברוך" זענען אנטקעגן די "ארבעה בנים", אז יעדער איינער פון די "ארבעה בנים" דארף אנקומען צו א ספעציעלן ברכה, צו ברענגען צו אים דעם "אחד" - "ה' אחד", דער אמונה פשוטה. נישט נאר דער רשע דארף אנקומען צו א ברכה אים צו ראטעווען, נאר אויך אויף דער "חכם" דארף מען בעטן א ברכה, ווייל אויך דער חכם קען זיך אפלערנען פון דעם רשע, און אויך דער חכם האט אין זיך דעם אייגענעם "רשע".

**נאכמער,** פונקט ווי מיר בעטן א ברכה צו איבערטוישן דעם רשע אינגאנצן, פון זיין א רשע צו ווערן א צדיק, אזוי אויך בעטן מיר א ברכה פאר דעם "חכם", אז אויך ער זאל זיך אינגאנצן איבערטוישן, ווייל היינט איז א נאכט פון אמונה פשוטה! און דאס וואס דער חכם קומט און פרעגט קשיות, אפילו קשיות פון קדושה, איז א באווייז אז ס'איז נישט אלעס אין ארדענונג, און מ'דארף אויפהייבן דעם חכם צו א העכערע מדרגה ווי טעם ודעת. און דאס ווערט געטון דורכ'ן באשעפער אליינס - "המקום".

## כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תוֹרָה

### זיך אפגעבן מיט יעדער קינד

**דער** עיקר פון דעם סדר איז דער מצוה פון "והגדת לבנך", צו דערציילן די קינדער וועגן יציאת מצרים, און צו דערוועקן די אינטערעסע פון די קינדער. מיר טוען געוויסע מנהגים, ווי כרפס און נאך, און מיר טוישן

געוויסע זאכן, למשל צודעקן די מצות, אלס כדי די קינדער זאלן זיך וואונדערן און פרעגן.

**דער** מצווה פון "והגדת לבנך", איז צו דערציילן פאר אלע קינדער וועגן יציאת מצרים, סיי דער חכם, סיי דער רשע, סיי דער תם, און סיי דער שאינו יודע לשאול. מיר דארפן ברענגען אלע צוזאמען צום סדר, און זיכער מאכן אז יעדער איינער וויאזוי ער איז זאל קענען פארשטיין, "לפי דעתו של בן אביו מלמדו".

**מיר** דארפן זיך משתדל זיין מיט אלע כוחות צו זוכן עצות און קונצן "לכבוש", צו איינגעמען דעם יונגן דור, מקרב זיין אלע בני ובנות ישראל צו תורה און מצוות, אלע סארטן - "אחד חכם ואחד רשע אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול", דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה מיט אונזערע קינדער יונגע און אלטע צוזאמען, "בנערנו ובזקננו".

## אמת'ע ליכטיגקייט

**דער** פריערדיגער דור זענען אדורך גזירות און השמדות רחמנא ליצלן, און אויך אין אונזער דור, וואס דער אייבישטער האט געראטעוועט בכדי צו קענען האלטן די תורה, זענען דא די וועלכע זענען "קמים עלינו לכלותנו", הי' לא תהי', זיי קומען מיט א חינוך פון "האומר לרע טוב ולטוב רע, חושך לאור ואור לחושך, מר למתוק ומתוק למר", זיי זאגן אויף שלעכטס אז דאס איז גוט, און אויף גוטס אז דאס איז שלעכט. פינסטערניש איז ליכטיגקייט און ליכטיגקייט איז פינסטער. אז ביטער איז זיס, און אז זיסקייט איז ביטער, "כי מאסו את תורת ה' צבאות", ווייל ער איז מואס אין דעם אויבערשטענ'ס תורה.

**אבער** דאך, אין יעדן דור, איז "הקב"ה מצילנו מידם", דער אייבישטער ראטעוועט אונז פון זייערע הענט, זאל אונזער דור טאקע זוכה זיין בקרוב צו זען ווי דער אייבישטער העלפט אונז צו זען דער גאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו אמן.

# אֶחָד חָכָם וְאֶחָד רָשָׁע

**פארוואס זיצט דער חכם נעבן דעם רשע?**

**דער** מהרי"ל שרייבט אז מען דארף זיין "חרד באימה", צו מקיים זיין די מצוה פון דער סדר און די הגדה, "שאין **שום** דבר ריק בהן", עס איז נישטא קיין איין פרט וואס האט נישט קיין תוכן.

**דער** בעל ההגדה, מיט די ווערטער "אחד חכם, ואחד רשע, ואחד תם ואחד שאינו יודע לשאול", שטעלט דער רשע נעבן דעם חכם, און ער לייגט נאך צו דעם אות וא"ו - "ואחד רשע", וואס פארבינדט זיי. מיר קענען דערפון לערנען כמה ענינים.

**א)** עס איז דא האפענונג אויך פאר דער בן רשע, אז דער אייבישטער שטעלט אים צו א חכם וואס קען משפיע זיין אויף אים, און אים העלפן צו פאררעכטן זיינע וועגן. דער וואס איז ביז יעצט געווען א רשע דארף זיך נאר וועלן באהעפטן צום חכם, און ווערן א טפל צו אים.

**ב)** דער חכם זאל נישט זאגן וואס האב איך צו טון מיט דעם רשע, ווייל "כל ישראל ערבין (ומעורבין) זה בזה", אלע אידן האבן אחריות אויף אלע אנדערע אידן, און אויף יעדן איינעם ליגט דעם חיוב צוריקצוברענגען דעם רשע צום גוטנס. ער דארף אבער געדענקען אז דער רשע איז א טפל צו אים, ער לערנט פון אים און נעמט השפעה פונעם חכם, און נישט ח"ו פארקערט.

**ג)** דער חכם דארף געדענקען אז "לפתח חטאת רובץ", און "כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו" - דער וואס איז גרעסער האט א גרעסערער יצר הרע, און דער רשע'ס יצר הרע זוכט איבערצונעמען זיין יצר טוב "צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו", און דעריבער דארף דער חכם צו זיין זייער אפגעהיטן, און בעטן ביי דעם אייבישטער אים צו העלפן, און נאר דורכדעם וועט ער קענען מצליח זיין איבערצונעמען זיין יצר הרע, "אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו".

**און** אויב דער חכם דארף משתדל זיין צו העלפן דעם רשע, (מיט דעם ריכטיגן

זהירות, ווי דערמאנט), דארף ער זיכער העלפן דער תם און דער שאינו יודע לשאול.

**דורכדעם** וואס דער חכם דערהייבט און איידלט אויס דעם רשע, תם און שאינו יודע לשאול, וואס יעדע "ואחד" הייבט זיך אן מיט א "וא"ו", וואס דאס איז דער אות פון אמת, תורת אמת, דעמאלטס ערפילט דער אייבישטער אונזער בקשה "ברכנו אבינו כולנו כאחד", און ער בענטשט אלע אידן צוזאמען.

## וְאֶחָד רָשָׁע

**ביי** יעדער איד איז דא דעם "אחד", דער פינטעלע איד, וואס איז פארבינדן צום אויבערשטן. אונזער פליכט איז, צו אויפדעקן ביי יעדער איינער פון די "ארבעה בנים" זייער טיפע בונד צו "ה' אחד". אפילו ביי דעם רשע ליגט דער פונק, און ערווארט מיר זאלן דאס דערוועקן.

**דאס** איז דער כח פון דער נפש האלקית, אז ער האט בחירה, און ער האט כוחות, מיר דארפן נאר מעורר זיין דעם מענטש צו אויסניצן זיינע פארבארגענע כוחות.

חָכָם מַה הוּא אוֹמֵר מָה הָעֵדֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֱלֹקֵינוּ אֶתְכֶם. וְאַף אַתָּה אֱמוֹר לוֹ כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן:

## חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר?

### וואס פרעגט דער חכם?

**פרעגט** זיך די שאלה: דער חכם איז דאך א תלמיד חכם, במילא קען ער שוין די הלכות, איז וואס פרעגט ער "מה העדות והחוקים

והמשפטים", ער ווייסט שוין פארוואס מיר פראווען פסח? און וואס איז פשט פון דעם ענטפער "ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח, אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן", אז מ'זאגט צו דעם חכם אז נאך אפיקומן טאר מען נישט עסן. מען וואלט דאך קודם געדארפט לערנען מיט אים די ערשטע דינים, וועגן מצה און נישט עסן חמץ, פארוואס האבן די חכמים אויסגעקליבן דוקא דעם הלכה?

## דער חכם וויל טון מצוות נאר מיט קבלת עול

**נאר** דער ביאור אין דעם איז, עס ווערט געברענגט פון אריז"ל אז די "ארבעה בנים" זענען קעגן די פיר רוחניות'דיגע עולמות, און דער "חכם" איז דער העכסטע עולם, א וועלט וואו אלע נשמות שטייען מיט א פולשטענדיגער ביטול צו דעם אויבערשטן. און דעריבער, ביי דער חכם איז נוגע נאר איין זאך, צו דורכפירן אלע מצוות פונעם באשעפער.

**דאס** פרעגט דער חכם צו אלע אנדערע: וואס מישטו אריין דיין שכל אין מצוות, זאגסט אז דער מצוה איז "עדות", א מצוה וואס מ'קען פארשטיין, אדער "חקים", מצוות וואס מיר פארשטייען נישט, און "משפטים", מצוות וואס איז זעלבסט פארשטענדליך. טענה'ט דער חכם, דער עיקר איז דאך נאר אז מ'טוט דער מצוה, און דעריבער האט נישט קיין פשט אריינצומישן דעם אייגענעם פארשטאנד. און אפילו מצוות וואס מיר טוען אן פארשטיין, רופט מען זיי אן "חקים", טענה'ט דער "חכם", ווער האט דיר געבעטן צו אפצושאצן צי דו פארשטייסט יא אדער נישט, דער איינציגע זאך וואס איז נוגע איז אז דאס איז א מצוה!

## מען מוז האבן א טעם אין פסח

**אויף** דעם ענטפערט מען "ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח". "פסח" מיינט "דילוג" - אריבערשפרינגען. זייענדיג אין מצרים זענען די אידן געווען איינגעזונקען אין די טומאה פון מצרים, און דער אייבישטער האט זיי אליין ארויסגעשלעפט - "נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה בכבודו ובעצמו".

**אבער** כאשט פסח איז אזוי הויך, און עס שיינט אין דער וועלט אזא הויכע הייליגע לעכטיגקייט - "מלך מלכי המלכים הקב"ה בכבודו ובעצמו", דארף אבער נאך אלס זיין "הלכות הפסח", פונקטליכע הלכות אויף יעדער טריט און שריט, ווי אזוי מען דארף באקן מצות און ברענגען די קרבן פסח וכו', ווייל דער אייבישטער וויל יא אז מיר זאלן זיך אריינלייגן אין אלע פרטים.

**און** מ'לייגט צו "אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן". די קרבן פסח האט מען געדארפט עסן "על השובע", ווען מ'איז שוין זאט פון עסן אנדערע זאכן, אזוי ווי א רייכער מענטש עסט כאשט ער איז שוין זאט. אזוי אויך אין רוחניות, אפילו מ'האלט ביי די העכסטע מדריגות, ווי דער חכם האלט, איז א חלק פון דער מצוה צו פילן דעם טעם און געשמאק פון דער מצוה. און אזוי אויך אין מקיים זיין מצוות, דער אייבישטער וויל אז דער מענטשליכער שכל זאל פארשטיין די מצוות און אליין האבן אין דעם א געשמאק.

---

רָשָׁע מַה הוּא אוֹמֵר מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם. לָכֶם וְלֹא לוֹ. וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל כָּפַר בְּעִקָּר. וְאַף אַתָּה הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו וֶאֱמֹר לוֹ בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם. לִי וְלֹא לוֹ אִלּוּ הָיָה שָׁם לֹא הָיָה נִגְאָל:

---

## רָשָׁע.. אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל

### אבער ביי דעם גאולה העתידה וועט ער ווערן באפרייט

**צום** רשע זאגט מען: "אילו הי' שם לא הי' נגאל" - אויב וואלט ער געווען אין מצרים וואלט דער אייבישטער אים נישט באפרייט.

**שטעלט** זיך די שאלה, וואס וויל מען זאגן מיט דעם? מען זוכט אים דאך מקרב צו זיין, נישט אוועקשטופן ווייטער פון אונז?

**נאר** דער טייטש פון די ווערטער איז טאקע אים צו מעורר זיין, מ'זאגט צום רשע אז "אילו הי' **שם** לא הי' נגאל", אויב וואלט ער **דארט** געווען, אין מצרים און פאר מתן תורה, וואלט ער געבליבן אין מצרים, און דער אייבישטער וואלט אים נישט באפרייט, אבער **יעצט**, נאך מתן תורה, ביי דער גאולה העתידה, וועט דער אייבישטער אים יא ראטעווען. וויבאלד דער אייבישטער האט אונז בוחר געווען ביי מתן תורה, ווי מען זאגט אינעם יום-טוב'דיגן דאווענען "אתה בחרתנו מכל העמים", אז דער אייבישטער אליין האט אונז אויסגעוועלט פאר אים, און קיין פארוואס. דעריבער, אין די קומענדיגע גאולה וועט אים דער אייבישטער אויך ראטעווען, "בל ידח ממנו נדח".

**אזוי** ווי דער ספר תורה איז כשר נאר ווען עס זענען דא אלע אותיות, אזוי אויך ביי אידן, וואס "ישראל" איז ראשי תיבות **יש ששים** ר**בוא** **אותיות** **לתורה** (מגלה עמוקות אופן קפ"ו), און יעדער איד איז ווי איין אות, און אז עס פעלט איין אות, וועלן אידן בלייבן אין גלות ח"ו, דעריבער וועט דער אייבישטער באפרייען יעדן איד פון גלות.

מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ שֶׁנֶּאֱמַר וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל כָּל הָעָם כֹּה אָמַר ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַנָּהָר יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵעוֹלָם תֶּרַח אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר וַיַּעַבְדוּ אֱלֹקִים אֲחֵרִים:

## מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ

### יעדער איינער באפרייט זיך פון זיין פריערדיגער "עבודה זרה"

**דער** מצוה פון דערציילן סיפור יציאת מצרים דארף זיך אנהייבן מיט "מתחיל בגנות". דער סיפור פון יציאת מצרים הייבט זיך אן מיט

״עבדים היינו״, דאס וואס מיר זענען געווען קנעכט אין מצרים, אזוי אויך מיט דעם גנות אז אברהם אבינו׳ס טאטע האט געדינט עבודה זרה.

**פרעגט** זיך די שאלה: די תורה איז דאך אזוי אפגעהיטן אין דערמאנען א ״דבר מגונה״, נישט קיין שיינע זאכן, איז פארוואס דארף מען אנהייבן דערציילן וועגן יציאת מצרים מיט א ״גנות״?

**דער** תירוץ אויף דעם איז, אז דער ״מתחיל בגנות״ איז דא צו העלפן א מענטש ווען ער גייט צו צום סדר טיש. ווייל ווי עס ווערט מבואר אין ספרים, אז ווען איינער איז עובר אן עבירה איז ער ערגער פון קליפה און עבודה זרה, און ער שיידט זיך אינגאנצן אפ פונעם אויבערשטן, און יעדער עבירה איז ווי כפירה (תניא פרק כד). און וויבאלד יעדער איינער ווייסט אז ער איז שוין ליידער דורכגעפאלן אין עפעס אן איסור, קען ער ווערן געפאלן ביי זיך.

**אויף** דעם זאגט מען אים אז ״מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו״, אפילו ער האט עובר געווען אויף אן עבירה, קען ער פון דעם ארויסגיין, ווייל ״קרבנו המקום לעבודתו״. פונקט ווי אין מצרים האבן אידן געדינט עבודה זרה, ווי חז״ל דערציילן אז פאר מתן תורה ״הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה (מכילתא עה״פ בשלח יד, כח). און מיט דעם אלעם האט זיי דער אייבישטער מקרב געווען, וועט דער אייבישטער אים זיכער אויך מקרב זיין, און מיט ״איין קער״ קען ער זיך אינגאנצן טוישן צו קדושה.

## וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ

### דער אייבישטער איז אונז ״יעצט״ מקרב

**דא** ליגט אויך א וויכטיגע מעסעדזש. א מענטש קען אמאל טראכטן, ווי קען איך צוגיין צום סדר טיש, וויסנדיג וואס איך האב געטון במשך דעם יאר,

און ער קען ווערן געפאלן ביי זיך, אז ער איז אפילו ערגער ווי אן עבודה זרה. ווייל דער עבודה זרה האט דאך נישט געטון אליין קיין שלעכטס, ער איז אזוי ווי דער אייבישטער האט אים באשאפן. אבער ער, וואס ער האט אליין מיט זיין אייגענע בחירה אויסגעוועלט צו טון דער עבירה און נישט דער מצוה, איז ער ערגער ווי דער עבודה זרה אליין!

**אויף** דעם זאגט מען אז "כבר הי' לעולמים", אז אויך אויב ער איז געווען א מינוט צוריק אן עובד עבודה זרה, קען ער נאך צוריק קומען. ער קען און דארף תשובה טון, און "בשעתא חדא וברגעא חדא", אין איין סעקונדע ווערט ער א צדיק גמור, "ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו", יעצט איז דער אייבישטער אים מקרב.

**צֵא וּלְמַד מַה בִּקֵּשׁ לָבָן הָאֲרַמִּי לַעֲשׂוֹת לְיַעֲקֹב אָבִינוּ. שֶׁפַּרְעֹה לֹא גָזַר אֶלָּא עַל הַזְּכָרִים וְלָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל. שֶׁנֶּאֱמַר אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם וָרָב:**

## צֵא וּלְמַד

### צא ולמד - כדי צו לערנען דארף מען ארויסגיין

"**גיי** ארויס און לערן". דער ערשטער טריט צו לערנען איז "צא", ארויסגיין פון די אייגענע באקוועמליכקייטן און רגילות'ן, נאר דעמאלטס קען מען זיך עפעס לערנען.

וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר. וַיָּגָר שָׁם מְלַמֵּד שֶׁלֹּא יָרַד יַעֲקֹב אָבִינוּ לְהִשְׁתַּקֵּעַ בְּמִצְרַיִם אֶלָּא לָגוּר שָׁם. שֶׁנֶּאֱמַר וַיֹּאמְרוּ אֶל פַּרְעֹה לָגוּר בָּאָרֶץ בָּאנוּ כִּי אֵין מִרְעֶה לַצֹּאן אֲשֶׁר לַעֲבָדֶיךָ כִּי כָבֵד הָרָעָב בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וְעַתָּה יֵשְׁבוּ נָא עֲבָדֶיךָ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן:

## וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר

### א איד באלאנגט נישט אין גלות!

**דאס** וואס מיר געפינען זיך דא אין גלות, איז "אנוס על פי הדיבור" - וויבאלד דער אייבישטער האט אונז געברענגט אהער.

**מיט** דעם קומען צוויי וויכטיגע יסודות: ערשטנס, אז א איד זאל וויסן, אז ער געהערט ער נישט צו דער פארשקלאפונג פון גלות און שטייט בעצם העכער. דעריבער קען די גלות אים נישט אראפשלעפן, און ער קען זיך אלעמאל אויפהייבן פון אלע נסיונות, וויבאלד ער ער שטייט העכער.

**צו** דעם דארף מען אויך וויסן, אז דאס וואס ער געפינט זיך דא, אין גלות, אין סיי וועלכע לאגע אדער צושטאנד עס זאל נאר זיין, איז אויך על פי הדיבור, דער אייבישטער האט אים דא געפירט מיט א געוויסע כוונה און ציל, וואס נאר ער קען אויפטון און דורכפירן.

## עַל פִּי הַדִּבּוּר

### דער אייבישטער פירט יעדער איינער וואו ער דארף אנקומען

**דער** צמח צדק האט אמאל געבעטן איינע פון זיינע חסידים צו פארן צו א געוויסע ווייטע שטאט אין דעם קאלטן סיביר, צוליב א קבוצה פון אידן וועלכע האבן דארט געוואוינט און האבן וויכטיג געדארפט האבן איינער זאל זיי העלפן אין ענינים פון אידישקייט. דער חסיד האט נישט

געוואלט, און האט זיך אפגעזאגט, טענה'נדיג אז עס איז צו שווער און ער קען דאס נישט טון.

**ליידער,** מיט דער צייט, צוליב ענינים פון זיין ארבעט, האט מען אים געלייגט אין טורמע, און מיט די צייט האט מען אים געשיקט אין גלות קיין סיביר צוליב זיינע מעשים.

**האט** דער צמח צדק אים געזאגט, אז דארט האט זיין נשמה געהאט א שליחות צו העלפן די אידן. און אויב וואלט ער געגאנגען פריער וואלט ער געגאנגען ווי א פרייע מענטש, וויבאלד אבער ער האט נישט געוואלט, האט דער אייבישטער מסדר געווען אז ער זאל גיין אויף אן אנדער אופן, ווייל זיין שליחות האט געדארפט ווערן דורכגעפירט.

## וַיָּגָר שָׁם

### שיהיו עניני הגלות זרים

**"מיר** זענען געווען פרעמד דארט". אידן זענען "בנים שהוגלו מעל שלחן אביהם", קינדער וועלכע זענען פארטריבן פון זייער טאטנ'ס טיש. א איד באלאנגט נאנט צום אייבישטער, און דאס אליין וואס מיר זענען ווייט פון אים, איז דער עיקר גלות. אפילו אין א צייט ווען עס זענען נישטא קיין רדיפות, און אידן באזעצן זיך באקוועמערהייט, נאך אלץ פעלט דעם עיקר, אז דער שכינה איז נאך נישטא, און משיח איז נאך נישט געקומען. דאס דארפן מיר פילן היינטיגע צייטן, און האפן און בעטן פאר דער גאולה "לשנה הבא בירושלים".

**עס** ווערט געברענגט (מאמר ד"ה ויקח קרח תרס"ו) א משל אויף דעם, פון א קעניג וואס האט זיך באהאלטן פון זיין זון, בכדי אז זיין זון זאל אים זוכן, ווייל ער האט געוואלט מעורר זיין דעם ליבשאפט פון דעם זון צו דעם מלך. אזוי איז אויך דער מציאות פון גלות, אז דער ציל פונעם גלות איז צו דערוועקן דער מסירות נפש פון אידן צו ה' יתברך.

בִּמְתֵי מְעָט כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה וְעַתָּה שָׂמְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב: וַיְהִי שָׁם לְגוֹי מְלַמֵּד שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִים שָׁם: גָּדוֹל עָצוּם כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם: וָרָב כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמָיִךְ וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי: רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ וַתִּרְבִּי וַתִּגְדְּלִי וַתָּבֹאִי בַּעֲדִי עֲדָיִים שָׁדַיִם נָכֹנוּ וּשְׂעָרֵךְ צִמֵּחַ וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה:

## וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי.

### אין זכות פון אידישע שטאלץ

**חז״ל** דערציילן אז פאר יציאת מצרים האט פאר די אידן געפעלט זכויות צו קענען ארויסגיין פון מצרים, ווי דער לשון ״ואת ערום ועריה״, אז די אידן זענען געווען ״נאקעט״ פון מצוות. חז״ל זאגן אז די אידן האבן אפילו געדינט עבודה זרה, ״הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה״ (מכילתא עה״פ בשלח יד, כח). און צוליב דעם האט דער אייבישטער אונז געגעבן די צוויי מצוות פון ״דם פסח״ און ״דם מילה״, און מיט דעם זכות זענען מיר באפרייט געווארן.

**דער** עיקר זכות פון ברענגען די קרבן פסח איז געווען דער שטאלץ וואס אידן האבן באוויזן מיט דעם קרבן פסח. ווי דער מדרש איז מפרש אז די אידן זענען אנגעזאגט געווארן צו צובינדן דעם שעפסל י׳ ניסן, פיר טעג פאר׳ן ברענגען דעם קרבן, און דער ציל אין דעם איז געווען צו אנרייצן די מצריים אז זיי זאלן זיך נאכפרעגן וועגן דעם ציל פון דעם שעפסל, און אידן זאלן ענטפערן אז מיר גייען ברענגען דעם שעפסל - אייער עבודה זרה, אלץ קרבן פאר דעם אייבישטער.

### היינטיגע טעג

**עס** שטייט "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אז דער קומענדיגער גאולה וועט זיין ענליך צו יציאת מצרים. אזוי ווי דער גאולה פון מצרים איז געווען אין זכות פון דעם אידישן שטאלץ אויף מצוות, אזוי אויך וועט דער גאולה העתידה קומען אין זכות פון דאס וואס מיר גייען מיט א תוקף און מסירות נפש.

**אויב** אויף אלע מצוות דארף מען גיין מיט א תוקף און מסירות נפש, אוודאי דארף מען גיין מיט א תוקף אויף דער מצווה פון "אהבת ישראל" וואס איז א יסוד אין די גאנצע תורה, צו גיין רעדן מיט אנדערע אידן וועגן תורה און מצוות. און אפילו אויב ער הערט נישט דעם ערשטן מאל, דארף מען מיט אים רעדן נאכאמאל און נאכאמאל ביז עס וועט אריינגיין אין אים. און "דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב", ווערטער וועלכע קומען פון הארץ גייען אריין אין דעם צווייטנ'ס הארץ, דעריבער, טאמער עס איז נאך נישט אריין ביי דעם צווייטן דארף מען זאגן א קאפיטל תהלים אז עס זאל זיין "יוצאים מן הלב", און דורכדעם וועט זיין "נכנסים אל הלב".

**וְאֶת עֲמָלֵנוּ אֵלּוּ הַבָּנִים כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן: וְאֶת לַחֲצֵנוּ זֶה הַדְּחַק כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר וְגַם רָאִיתִי אֶת הַלַּחַץ אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אֹתָם:**

## וְאֶת עֲמָלֵנוּ - אֵלּוּ הַבָּנִים

### חינוך ווערט נאר דורך הארעוואניע!

**אין** דער חלק פון הגדה, פון "צא ולמד", ווערן געלערנט פיר פסוקים אין תורה, און יעדער ווארט ווערט אפגעטייטשט מיט א דרוש פון נאך א

פסוק מיט דעם זעלבן אדער אן ענליכן ווארט. דאס איז די אלע "שנאמר'ס", מען ברענגט נאך א פסוק וואו עס ווערט דערציילט אין אן אנדערן ארט מיט נאך פרטים. למשל, אויף דעם ווארט "ורב", ברענגט מען דעם פסוק "רבבה כצמח השגה נתתיך", וואס לייגט צו מער פרטים ווי שטארק די אידן זענען געוואקסן.

**אבער** ווען מען טייטשט אפ דעם ווארט "ואת עמלנו" - אונזער הארעוואניע, "אלו הבנים" - דאס גייט אויף קינדער, ווערט אין פסוק נישט דערמאנט דער ווארט "עמל", ווייל עס איז א פשוט'ע זאך אז האדעווען קינדער איז א הארעוואניע. דאס לערנט אונז, אז כדי צו האדעווען קינדער, מוז מען הארעווען אויף דער חינוך זייערע. מען קען נישט יוצא זיין מיט נאר א ווארט, נאר מען דארף זיך ארייַנלייגן אין דעם.

## וואס איז געווארן מיט די "עמלנו" קינדער?

**די** קינדער, די "עמלנו" קינדער, וועלכע זענען געבוירן געווארן בשעת די גזירה, און די מאמע'ס האבן זיי געהאדעוועט מיט מסירות נפש, האבן די מצריים אריינגעווארפן אין דעם נילוס טייך, און דער אייבישטער האט זיי געראטעוועט. שפעטער ביי קריעת ים סוף, האבן זיי דוקא געזאגט "זה קלי ואנוהו", זיי האבן דערקענט דעם אויבערשטן ביים ים-סוף, מער ווי די זקנים און משה און אהרן (שמו"ר א, יב).

**דאס** איז א הוראה אויף דעם וויכטיגקייט פון הארעווען אין חינוך, סיי פאר עלטערן, און סיי פאר אלע מחנכים מיט זייערע תלמידים, וואס תלמידים ווערן דאך אויך אנגערופן "בנים", רוחניות'דיגע קינדער, אז מען דארף הארעווען אויף חינוך הכשר.

## א האלבע שעה א טאג טראכטן וועגן חינוך

**דער** רבי רש"ב האט אמאל אויסגערופן:

**פונקט** אזוי ווי הנחת תפילין בכל יום איז א מצוה דאורייתא אויף יעדן איד, נישט קיין חילוק צי א גדול בתורה, צי אן איש פשוט, אזוי איז

א חוב גמור אויף יעדן איד צו טראכטן יעדן טאג א האלבע שעה וועגן דעם חינוך פון די קינדער, און טון אלעס וואס איז בכוחו צו טון און יתר מכפי כחו, זען צו פועל'ן ביי די קינדער, אז זיי זאלן גיין אין דעם דרך וואס מען איז זיי מדריך.

## כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ

### אריינווארפן די קינדער אין דעם "יאור" פון "תכלית"

**עס** שטייט אין מדרש אז גלות מצרים איז דער שורש פון אלע גלות'ן. פון דעם זעט מען אז די גזירות וואס זענען געווען אין מצרים זענען דא אין די אנדערע גלות'ן אויך. דער גזירה פון "כל הבן הילוד" איז געווען אז פרעה האט געהייסן אריינווארפן אלע ניי געבוירענע אינגלעך אין דעם נילוס-טייך. די מצריים האבן געדינט דער נילוס אלץ אן עבודה זרה, ווייל דאס איז געווען זייער קוואל פרנסה, פון דער נילוס האט מען אנגעטרונקען אלע פעלדער וויבאלד אין מצרים האט נישט גערעגנט.

"**בכל** דור ודור" איז דא דער פרעה פון דעם דור מיט זיינע גזירות, און אידן דארפן שטיין שטארק אנטקעגן דעם היינטיגן פרעה און זיין ציל. אין היינטיגן דור, איז דער "פרעה מלך מצרים" די בעל הבית'ישע הנהגה פון דעם לאנד, וועלכע טענה'ן אז מען זאל אריינווארפן די קינדער אין טייך פון "מנהגי המדינה" און "נימוסי המדינה", וואס לויט זייער מיינונג געבעט דאס פרנסה. דער נילוס - דער עבודה זרה פון יעדן לאנד, איז דער "תכלית" - זוכן וואס וועט ווערן פון דעם קינד,

### אז די טעכטער זאלן נחתנך ווערן אין א מצרי'שע לעבן

**דער** המשך פון פסוק, "וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן" איז אויך א חלק פון דער גזירה, פרעה האט געוואלט אז די טעכטער וועלכע וועלן בלייבן לעבן, איז "תחיון", אז די מצריים זאלן האדעווען די טעכטער אין דעם מצרי'שן וועג.

**אויף** דעם האבן די נשים צדקניות זיך געשטעלט מיט א מסירות נפש, זיי האבן זיך נישט גערעכנט מיט פרעה׳ס גזירות, נאר זיי האבן געטון וואס דער אייבישטער האט זיי געהייסן נישט מאכנדיג קיין חשבונות. בזכות דעם וואס די נשים צדקניות לייגן נישט קיין אכט אויף די פארלאנגען פון דער מדינה, און זיי זענען מחנך די קינדער ווי עס דארף צו זיין, וועלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה העתידה.

וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ. וְהִכֵּיתִי כָל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אֲנִי וְלֹא שָׂרָף. וּבְכָל אֱלֹקֵי מִצְרַיִם אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים אֲנִי וְלֹא הַשָּׁלִיחַ. אֲנִי ה׳. אֲנִי הוּא וְלֹא אַחֵר:

## וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ

### יעדעס יאר צו יעדן איינעם

**אין** דער סידור אריז״ל שטייט אז די כח פון קליפה אין מצרים איז געווען אזוי שטארק, אז צו אויסלייזן די אידן, האט דער אייבישטער נישט געקענט שיקן א מלאך אדער א שליח, ווייל אויב וואלט ער געשיקט א מלאך, וואלט דער מלאך געווארן אראפגעשלעפט אין דער קליפה פון מצרים. דעריבער האט דער אייבישטער אליין ״בכבודו ובעצמו״ געדארפט אראפקומען צו באפרייען די אידן.

**אזוי** געשעט יעדעס יאר, אז דער אייבישטער שלעפט ארויף די אידן צו אזא מין דערהויבענעם מדריגה אז מ׳האט נישט קיין שייכות צו חטא, נישט קוקנדיג אויף זייערע מצב ״בכל הלילות״ - אין די פריערדיגע נעכט.

# אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ

## מען דארף אליין גיין העלפן דעם צווייטן

**ווי** דערמאנט פריער, איז דער הגדה נישט נאר א סיפור וואס איז אמאל געווען, נאר אויך - און בעיקר - א וועג-ווייזער פאר אונז היינט, ווי אזוי צו ארויסגיין פון אונזערע היינטיגע מצרים. און אזוי ווי דער אייבישטער האט זיך אליין אריינגעלייגט כדי אונז צו ראטעווען פון מצרים, אזוי דארף אויך יעדער איינער זיך לערנען, אז ווען עס קומט צו העלפן א צווייטן אים אויסצולייזן פון זיין צרה, פון זיין "מצרים", דארף מען אליין זוכן צו העלפן. כאטש אז מען קען אויך יוצא זיין מיט'ן שיקן א צווייטן, אבער אויב דער ענין איז באמת נוגע, וועט מען נישט יוצא זיין מיט אן אנדערן, נאר מען דארף אליין גיין העלפן דעם צווייטן.

**עס** איז דא א מעשה פון דער "בעל התניא", אז איינמאל יום כיפור האט ער מפסיק געווען אינמיטן דאווענען, אראפגענומען די טלית, און איז ארויס פון שול צום וואלד. דארט האט ער געהאקט האלץ, גענומען די האלץ און איז אריין צו א שטוב פון א יולדת וואס איז געווען הונגעריג און האט נישט געהאט קיינעם איר צו העלפן. דער בעל התניא האט אליין אנגעצונדן א פייער און אליין געקאכט א זופ פאר איר, און אזוי האט ער געראטעוועט איר לעבן. און דאס איז געווען למרות אז ער האט געקענט שיקן א תלמיד צו טון דעם ארבעט, אבער ער האט דאס אליינס געטון וויבאלד אז "מצוה בגדול", אז די חשוב'סטע זאך איז ווען דער וואס איז גרעסער טוט עס.

וּבְמֹרָא גָּדֹל זֶה גִּלּוּי שְׁכִינָה כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר אוֹ הֲנִסָּה אֱלֹקִים לָבוֹא לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי בְּמַסֹּת בְּאֹתֹת וּבְמוֹפְתִים וּבְמִלְחָמָה וּבְיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבְמוֹרָאִים גְּדֹלִים כְּכֹל אֲשֶׁר עָשָׂה לָכֶם ה' אֱלֹקֵיכֶם בְּמִצְרַיִם לְעֵינֶיךָ:

# גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי

## די געבורט פון כלל ישראל

**זייענדיג** אין מצרים, זענען די אידן שוין געווען א פאלק פאר זיך, זיי האבן געהאט זייער אייגענע שטאט, גושן, זיי האבן גערעדט זיייער אייגענע שפראך, געגאנגען מיט אנדערע לבושים, און האבן זיך געהאלטן אנדערש פון די מצריים. ווי חז"ל זאגן אז "לא שינו את שמם ואת לשונם ואת לבושם". אבער מיט דעם אלעם, זאגט די תורה אז די אידן זענען נאך געווען א "גוי בקרב גוי", די אידן זענען נאך אלץ געווען כלול אין די מצריים.

**חז"ל** פארגלייכן די אידן אין מצרים צו א קינד פאר'ן געבוירן. אויך פאר דעם געבורט איז דא א גאנצע קינד, מיט א קאפ און אלע איברים, אבער דער קינד האט נאך נישט קיין אייגענע מציאות, ער האט נישט קיין אייגענע שכל אדער געפיל, די קינד גייט אטאמאטיש וואו דער מאמע גייט. אזוי איז געווען דער מצב פון אידן אין מצרים, כאטש זיי האבן געהאט זייערע אייגענע שפראך און לאנד און באשטימטע אידישע קליידער, זענען זיי געווען ארייגעמישט מיט די מצריים, ביז אז עס האט אויסגעזען אז אידן דינען עבודה זרה אויך.

**דערפאר** האט דער אייבישטער באפוילן די אידן צו ברענגען דעם קרבן פסח, צו ווייזן אז דעם שעפסל, דער עבודה-זרה פון די מצריים, איז נאר א בהמה אויף צו עסן, "ראשו על כרעיו ועל קרבו", דער גאנצער בהמה איז געווארן א קרבן.

## נישט נאכלויפן די עבודה זרה פון דעם ארום

**פון** דעם לערנען מיר אן אנווייזונג פאר אונז היינט, פאר דעם אייגענעם "יציאת מצרים" ביי יעדן איינעם:

**א** מענטש קען מיינען אז ער איז א מענטש פאר זיך, מיט אייגענע דעות און אייגענע געפילן, און אז מען זאגט אים אז ער איז משועבד און דינט דעם גוי'אישע "עבודה זרה" פון דעם סביבה, טענה'ט ער אז ער איז א מענטש פאר זיך און איז נישט תלוי אין א צווייטן.

**ווי** אזוי געשעט אזא מין טעות, דאס ווערט פון דעם וואס ער האט זיך אליין פארקויפט אלס אן עבד צו דעם סביבה, אז ער דארף נאכלויפן דעם רוח און גאנג פון די גויים (ראשו), אדער ער לויפט נאך די תאוות פון כבוד צי אנדערע תאוות (קרבו) אדער נאך נידריגערע מצבים (כרעיו), ביז ער פילט נישט בכלל וואס פאר א נידריגער עבד ער איז געווארן צו דעם "עבודה זרה" פון דעם ארום, אז ער רעדט זיך איין אז ער איז פריי.

**קומט** פסח און לערנט אונז, אז אפילו אויב א מענטש איז אזוי נידריג, אויב ער וועט נאר געדענקען דעם תורה פון משה רבינו, "ויאמר ה' אל משה", וועט ער קענען שחט'ן זיין עבודה זרה, און פארברענען דעם "עבודה זרה" זיינע אין דעם פייער פון אהבת ה', ביז זיין גוף און נשמה וועלן נאר שטרעבן צום אויבערשטן.

דָּבָר אַחֵר בְּיָד חֲזָקָה שְׁתַּיִם וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה שְׁתַּיִם וּבְמֹרָא גָּדֹל שְׁתַּיִם וּבְאֹתוֹת שְׁתַּיִם וּבְמוֹפְתִים שְׁתַּיִם: אֵלּוּ עֶשֶׂר מַכּוֹת שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם. וְאֵלּוּ הֵן:

באמירת עשר מכות ישפוך עשר שפיכות מהכוס עצמו כנ"ל (ויכוין בשפיכה גם כן כנ"ל) ומה שנשאר בכוס (נעשה סוד יין המשמח) לכך לא ישפוך אלא יוסיף יין:

דָּם. צְפַרְדֵּעַ. כִּנִּים. עָרוֹב. דֶּבֶר. שְׁחִין בָּרָד. אַרְבֶּה. חֹשֶׁךְ. מַכַּת בְּכוֹרוֹת:

## דָּם, צְפַרְדֵּעַ

### "דם" א ווארעמקייט צו קדושה

**עס** ווערט מבואר אין חסידישע ספרים (תורה אור נז, א) אז יעדער מכה איז געווען מיט דעם כוונה צו אריינקלאפן אין די מצריים אז זיי זאלן אנערקענען אינעם אויבערשטן, ווי עס שטייט אין פסוק "וידעו מצרים כי אני ה'".

**ווי** ערקלערט שוין עטליכע מאל, איז אויך היינטיגע צייטן דא א "מצרים", און מ'קען לערנען פון די מכות וויאזוי צו ארויסקלאפן די קליפה פונעם היינטיגן מצרים.

**דער** ערשטער מכה, דם, האט געמאכט אז דער קאלטע נילוס טייך זאל ווערן בלוט, וואס בלוט איז ווארעם. ענליך, אין אונזער היינטיגע מצרים, איז דער ערשטע זאך צו מבטל זיין דעם קאלטקייט צו קדושה וואס הערשט אין גאס. דאס איז די ערשטע מכה, צו אריינברענגען א ווארעמקייט, אז יעדער מצוה און דבר שבקדושה זאל ווערן געטון מיט א ווארעמקייט און פייער.

## "צפרדע": אפקילן דעם "ברען" אין וועלטליכע זאכן

**וועגן** דעם צווייטן מכה, צפרדע, ווערט דערציילט אז די פרעש האבן זיך צושפרייט איבעראל, ביז זיי האבן אפילו אריינגעטאנצן אין די אויוועגעס פון די מצריים, און זענען דארט פארברענט געווארן. דאס לערנט אונז אויס נאך א צווייטע אנווייזונג, אז נישט נאר דארף מען אריינברענגען א ווארעמקייט אין קדושה, נאר מען דארף אויך דערנאך אפקילן דעם קאך וואס מיר האבן אין וועלטליכע זאכן. דאס זעען מיר פון די פרעש, וואס פרעש האבן קאלטע בלוט, און זענען שטענדיק קאלט. אנדערש ווי מענטשן און בהמות וואס האבן ווארעמע בלוט און זענען אלעמאל ווארעם, איז "פרעש" אייביג קאלט, און די קאלטע פרעש האבן אריינגעברענגט קאלטקייט אין די אויוועגעס, אין דעם היץ און קאך פון מצרים.

## ווען די גלחים האבן איינגעקריצט א צלם אין דעם טייך

**דער** בעל שם טוב פלעגט זאגן אז פון יעדער זאך וואס א איד הערט און זעט, דארף ער נעמען א הוראה (און אנווייזונג) אין עבודת ה'. איינמאל זענען די תלמידים פונעם בעל שם הק' ארויסגעגאנגען, און געזען ווי גלחים האבן איינגעקריצט א צלם (שתי וערב) אויף דעם פארפרוירענעם טייך. האבן זיי זיך געוואונדערט, וואס קענען מיר פון דעם לערנען אין עבודת ה'?!

**האבן** זיי געפרעגט דעם בעל-שם-טוב, און דער בעל שם-טוב האט זיי געענטפערט אז פון דעם זעען מיר אז אויב עפעס איז "קאלט", אן קיין ווארעמקייט, איז דאס א סימן אז דאס איז נישט פון קדושה.

## צְפַרְדֵּעַ

### צו צוברעכן דעם קליפה פון מצרים

**ווי** דערמאנט, די ספרים ברענגען אז די מכות זענען נישט נאר געווען סתם א וועג צו צוקלאפן די מצריים, נאר די מכות זענען געווען צו צוברעכן דער קליפה פון מצרים, אז די מצריים זאלן אנערקענען אינעם באשעפער, ווי עס שטייט אין פסוק "וידעו מצרים כי אני ה'". דעריבער, איז דער מכת צפרדע געווען א מכה ספעציעל צו ברעכן דער כח פון פרעה.

**אין** מדרש (שמו"ר רפ"י) ווערט געברענגט אז יעדער באשעפעניש האט זיין תכלית, און דער אייבישטער ניצט די חיות המזיקות צו באשטראפן די רשעים, דערנאך לייגט-צו דער מדרש, אז אפילו די צפרדע האבן געהאט א תכלית, און אז "אילולי הצפרדע לא הי' יכול להפרע מהמצריים" - דוקא דורך די צפרדע האט דער אייבישטער געקענט אראפווארפן די מצריים. פון דעם זעט מען, אז דוקא דורך דער מכה פון צפרדע האט מען געקענט צעבראכן דעם כח פון פרעה.

### דריי סארטן כופרים: ווער איז די ערגסטע?

**מיר** וועלן דאס פארשטיין דורכן קודם זען וויאזוי פרעה איז געווען נידריגער פון אנדערע קליפות. עס זענען דא בכלל דריי סארטן כופרים:

**א)** די וועלכע גלייבן אז דער אייבישטער האט באשאפן דער וועלט, און אז ער איז בעל הבית אויף וועלט, אבער זיי זענען כופר אין דעם וואס

דער באשעפער איז איינס, "ה' אחד". דעריבער זענען זיי נישט מורד אין דעם אייבישטער, ווי בלעם האט געזאגט "לא אוכל לעבור את פי ה'".

**ב)** די וועלכע זענען נישט כופר אין דעם אז דער אייבישטער איז דא, אבער זיי זאגן אז נישט אלץ איז אנגעהאנגען אין אים, און ער קאנטראלירט נישט יעדע זאך, אזויווי פרעה האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתני", ער האט גע'טענה'ט אז ער האט זיך אליין געמאכט.

**ג)** די וועלכע זענען כופר אינגאנצן אין דעם וואס עס איז דא א באשעפער. אזוי ווי סנחריב, וואס איז געווען א "מחרף ומגדף", ער האט מכחיש געווען אין דעם אייבישטער אינגאנצן.

**אויבנאויף,** זעט אויס אז דער ערגסטער איז דער דריטער סארט, ווי סנחריב, ווייל ער פלעגט שטענדיג מחרף ומגדף זיין. אבער אין אמת'ן איז פרעה ערגער ווי אלע. ווייל דאס אליין אז סנחריב פלעגט כסדר רעדן קעגן דעם אייבישטער, ווייזט אז דער אמונה אין ה' רירט אים אן, עפעס דערקענט זיך יא דעם באשעפער, און דעריבער שרייט ער. פרעה אבער, זאגנדיג "לי יאורי ואני עשיתני", אז ער האט זיך אליין געמאכט האט ער אנגאנצן נישט אנערקענט דעם באשעפער.

## דוקא דורך צפרדע איז פרעה אראפגעווארפן געווארן

**ענליך** צו דעם איז דא ביי אלע באשעפענישן, אלע זענען באשאפן געווארן מיט דעם ציל צו ארויסברענגען כבוד ה', "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה", און יעדער באשעפניש דארף עפעס צוגעבן צו אויספירן דעם תכלית. דער מדרש לייגט צו, אז אפילו א שלאנג, א באשעפעניש וואס איז מזיק, טוט אויך עפעס אויף אויפ'ן וועלט, טאקע בפועל געבט ער נישט צו, אבער זעענדיג ווי א שלאנג איז מזיק, דערמאנט מען זיך אז עס איז דא א תכלית.

**דער** פרעש אבער טוט גארנישט אויף, נישט אז ער געבט צו, און נישט אז ער שטערט, דער פרעש ווייזט נישט אויף קיין שום תוכן, דורך איר

ווערט אינגאנצן נישט דערמאנט וועגן דער "אומן שעשאה", וועגן דעם באשעפער. און דאס איז דער חידוש פון צפרדע, אז עס זאל זיך דערקענען, אז אפילו אזא מין באשעפעניש איז אויך באשאפן געווארן דורך דעם אייבישטער, און מיט דער מכה האט דער אייבישטער צעבראכן דער קליפה פון מצרים.

אִלּוּ סִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה וְלֹא הֶאֱכִילָנוּ אֶת הַמָּן דַּיֵּנוּ:

## וְסִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה

### די אידן האבן זיך אינגאנצן פארלאזט אויפ'ן אויבערשטן

**יציאת** מצרים איז געווען דער גרינדונג פון כלל ישראל, און דעריבער פון יעדן פרט פון פסח און יציאת מצרים, קענען מיר, און מיר דארפן, לערנען אן אנווייזונג אויף אונזער טאג-טעגליכן לעבן.

**טראכט** נאר אריין: טויזנטער אידן זענען ארויס פון מצרים, און זענען ארויסגעפארן צו א וויסטן מדבר אן געגוג עסן און וואסער. זיי זענען ארויס מיט א פולן בטחון, פארלאזנדיג זיך אינגאנצן אויף דעם אייבישטער פאר אלע זייערע באדערפענישן.

**דער** לימוד פון דעם פאר יעדער איינער איז אויף דעם שטארקן און פולן בטחון וואס א איד דארף זיך פארלאזן אויף דעם אייבישטער, אז כאטש די גוים זענען מער און גרעסער ווי אונז, און דער מצב אין וועלט שטיצט נישט און העלפט נישט אויף מקיים זיין תורה און מצוות, אבער דער אייבישטער האט דער כח צו אונז ארויסנעמען פון אונזער מצב און אונז אויפהייבן העכער.

רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר כָּל שֶׁלֹּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ. וְאֵלּוּ הֵן: פֶּסַח, מַצָּה וּמָרוֹר:

## פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר

### דריי סארטן עסן

**אין** צוזאמענהאנג מיט יציאת מצרים און פסח, איז דער ענין פון שפייז אנגעוויזן אין דער תורה אין די דריי זאכן: "פסח", דעם קרבן פסח, "מצה" און "מרור". און אלע דריי זענען אן עיקר אין יציאת מצרים, ווי מען זעט עס פון דעם וואס "כל שלא אמר שלושה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו", אז מען מוז רעדן און ערקלערן וועגן די דריי זאכן פסח מצה און מרור.

**די** "פסח מצה ומרור" ווייזן אויף די דריי אלגעמיינע סארט שפייז: "מצה" איז לחם - "הא לחמא", און אין א ברייטערע זין ווערט דער טערמין "לחם" באנוצט פאר דער גאנצער סעודה, דער גאנצע עסן.

**"מרור"** בנוגע צו אונזער ענין, קומט ווייזן אויף די נישט געוואונטשענע זאכן, וואס מ'דארף און מען מוז פילן אז עס איז ביטער, ובמילא ווערט מען עס באקעמפן.

**"פסח"** איז "נאכל על השובע", ווען ער איז שוין אינגאנצן זאט, און דאס קומט אלס געשמאקער צושפייז, וועלכער געבט צו מער שטארקייט און פארגעניגען. און דערפאר האט מען דעם קרבן פסח געדארפט עסן אין אן אופן פון גדולה, ווי מלכים עסן.

### די חילוקים צווישן זיי

**דער** חיוב פון מצה איז דא מיט דעם זעלבן שטארקייט אין אלע צייטן און אין אלע ערטער, אויך אין חוץ לארץ און אין צייט פון חורבן, פונקט ווי אין ירושלים אין דער צייט פון דעם בית המקדש.

**דער** חיוב צו עסן מרור איז אויך גילטיג אין אלע צייטן און אין אלע ערטער, אבער נישט מיט דעם זעלבן שטארקייט ווי אין דער צייט ווען מ'האט מקריב געווען דעם קרבן פסח.

**דער** חיוב פון קרבן פסח איז נאר שייך אין דער צייט און פלאץ פון דעם בית המקדש, אין דער צייט און אין דעם ארט וואס ביי אידן איז געווען "שובע".

## דער לימוד פון דעם צו אונז היינט

**די** דערמאנטע פרטים זענען דא אין צוזאמענהאנג מיט דעם ערציאונג פון א קינד: אין דעם טיפערן משמעות, "שפייז" איז די גייסטישע שפייז, דער "לכו לחמו בלחמי", תורה און מצוות, וועלכע ווערן אנגערופן "עסן". דערביי דארף מען באווארענען אז דער לערנען תורה און מקיים זיין מצוות זאל זיין אין אן אופן פון "מצה", מיט קבלת עול און ביטול, אן א התערבות פון חמץ, וואס מאכט דעם טייג הייבן, וואקסן און זיך גרויסן.

**גלייכצייטיג** דארף מען אפהיטן דעם קינד פון נישט געוואונטשענע ווירקונגען פון דרויסן, דורך מוסר'ן א.ד.ג., אבער נאר מיט "שמאל דוחה", ווי מרומז אין מרור, נישט מיט דעם זעלבן שטארקייט און אין דער זעלבער מאס ווי "ימין מקרבת", די טאג-טעגלעכע שפייז פון "לחם און סעודה" פון תורה און מצוות.

**און** אויב מ'ערציט דעם קינד, און זיך אליין, אויף דעם דערמאנטן אופן, טריט ביי טריט, פון מדריגה צו מדריגה, ווערט ער אנגעזעטיגט פון תורה און מצוות, און אין יעדער רגע פון דעם "שובע", ווערט עס אנטפלעקט דער משכן און מזבח צום אייבישטער, און דאן לערנט ער נאך שטערקער און איז מקיים מצוות מיט נאך מער הידור, און טוט דאס מיט'ן אמת'ן פארגעניגן, ווי מרומז אין פסח.

פֶּסַח שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ קַיָּם עַל שׁוּם מָה, עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח הַמָּקוֹם עַל בָּתֵּי אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרָיִם, שֶׁנֶּאֱמַר וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח הוּא לַה' אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם בְּנָגְפּוֹ אֶת מִצְרַיִם וְאֶת בָּתֵּינוּ הִצִּיל וַיִּקֹּד הָעָם וַיִּשְׁתַּחֲווּ:

## פֶּסַח שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים

### קרבן פסח - פארברענען די "עבודה זרה" פון מצרים

**די** תורה זאגט גענוי די פרטים און פרטי פרטים וויאזוי דער קרבן פסח דארף צוגעגרייט ווערן, וויאזוי מען דארף אים מקריב זיין און וויאזוי ער דארף געגעסן ווערן.

**דער** זוהר הק' איז מפרש אז דאס וואס די קרבן פסח איז געווען פון א שעפסל, איז געווען צו נעמען די עבודה זרה פון מצרים. און די אידן האבן געדארפט מאכן דערפון א פסח לה', אים שחט'ן און דערנאך בראטן אויפן פייער "**ראשו על כרעיו ועל קרבו**" אינגאנצן פארברענען די עבודה זרה פון מצרים.

**אלעס**, פון דאס העכסטע, די קאפ ביז צו די סאמע לעצטע איינצעלהייטן און די פיס פון דער עבודה זרה, און אפילו די זאכן וועלכע זענען נאר א מיטל כדי אויפצוהאלטן און "שפייזן" די עבודה זרה (די קאפ ביז די פיס) דארפן בטל ווערן; עס ווערט געמאכט א פסח לה' ראשו על כרעיו ועל קרבו און דאס אלעס ווערט געבראטן מיט'ן זעלבן פייער.

**די** אפווארפונג פון עבודה זרה מוז זיין א **גענצליכע**, אין **אלע** פרטים. אויב ער דינט טאקע נישט צו דער קאפ פון דער עבודה זרה, עס עקזעסטירן נישט פאר אים איר חכמה און שכל, אבער ער בוקט זיך יא פאר אירע פיס, וויבאלד "**מצרים**" זאגט אז זיי טרעטן און הערשן אויף אלעס און אלעמען, ער פארלירט זיך און בוקט זיך פאר די מיטלען וועלכע די עבודה זרה ניצט.

**אזוי** איז אויך ביי דעם מענטשן אליין:

**עס** איז דא די עבודה זרה פון **"ראשו"** - ער מאכט זיין קאפ און זיין באגרעניצטן שכל פאר די העכסטע און לעצטע אטאריטעט; אדער די עבודה זרה פון די נידריגערע זאכן אין אים ביז **"כרעיו"** - די תאווה פון מאכט, הערשן און צוטרעטן אלעס וואס איז ארום אים; ביזן זיך בוקן און מאכן פאר אן אפגאט דעם **"קרבו"** - זיין עסן און פרנסה, וואס צוליב זיי שטעלט ער זיך נישט אפ פאר קיין זאך.

**אויף** דעם אלעם גילט דער כלל: א משהו (קאפיטשקע) עבודה זרה - איז א גאנצע עבודה זרה.

**און** אזוי ווי ביי יציאת מצרים (און יציאה פון תועבות מצרים), אזוי אויך ביים **חרותנו**, אונזער באפרייאונג און באגריף פון באפרייאונג, וואס באשטייט אין ווערן **"עבדי"**, דעם אויבערשטנ'ס קנעכט, דער מסירות נפש'דיגער באשלוס צו זיין א איד, איז אין דעם נישט שייך קיין מעסטן און חילוקים: מער מסירות נפש ווען עס רעדט זיך וועגן די פיס און ווייניגער ווען עס קומט צו די קאפ, צו ענינים פון קאפ, וואס ער וויל פארשטיין דוקא מיט'ן שכל. ווען איז דאס פסח הוא לה' - אז ראשו על כרעיו ועל קרבו - אז אלעס ווערט ארומגענומען מיט דעם זעלבן פייער, א פייער וועלכע ברענט דורך און אדורך.

## פֶּסַח עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח

### א יום טוב פון "שפרינגען" און "איבערשפרינגען"

**כאטש** דער יום טוב ווערט אנגערופן אין תורה מיט דעם נאמען "חג המצות", איז דער מנהג ישראל צו אנרופן דעם יום טוב "חג הפסח", אלץ זכר צו דעם נס "על שום שפסח ה'", אז דער אייבישטער האט איבערגעשפרונגען איבער די הייזער פון די אידן ביי מכת בכורות. דעריבער, דער קרבן פסח אין מצרים איז אויך געווען "דרך דילוג וקפיצה", אין א וועג פון שפרינגען און איבערשפרינגען.

**פארוואס** איז יציאת מצרים פארבונדן דוקא מיט א "דרך דילוג וקפיצה", מיט שפרינגען און איבערשפרינגען?

## פון דעם נידריגסטן שטאפל צו די העכסטע מדריגות

**איינע** פון די ערקלערונגען איז, אז יציאת מצרים, דאס ארויסגיין פון מצרים און פון דארט אנצוקומען צום בארג סיני און ווערן "עבדי ה'", צו דינען דעם אייבישטער, איז דאס דער גרעסטער שפרונג וואס קען נאר זיין.

**זייענדיג** אין מצרים, זענען די אידן געקומען צו אזא מין צושטאנד פון עבדות (קנעכטשאפט) אז זיי האבן נישט געוואלט ארויסגיין פון מצרים. מצרים איז דעמאלטס געווען דאס העכטסע אנטוויקלטע לאנד אין דער הינזיכט פון וויסנשאפט, פיליזאפיע, און אלץ וואס ווערט אנגערופן "קולטור" און "ציוויליזאציע". זיי האבן געהערשט איבער דער גאנצער וועלט. אבער צוזאמען דערמיט זענען די מצריים געווען איינגעזונקען אין די טיפסטע מאראלישע שמוץ, ווי דער תורה רופט זיי אן "ערות הארץ".

**און** פון דעם גלות מצרים, האבן אידן געדארפט באפרייט ווערן, מיט דעם מטרה און ציל אנצוקומען צום בארג סיני כדי צו דינען דעם אייבישטער, "תעבדון את האלקים על ההר הזה". ביי מתן תורה האבן די אידן באקומען די תורה אנהייבנדיג מיט די עשרת הדברות, וועלכע הייבט אן מיט דעם ציווי "אנכי ה' אלקיך" און "לא יהי' לך", אז דער אייבישטער איז דער איינציגסטער ג-ט און עס איז נישטא קיין אנדערער, ביז צו דעם צענטער דיבור "לא תחמוד", נישט נאר מ'טאר נישט צונעמען עפעס וואס איז יענעמ'ס, נאר מ'טאר אפילו נישט גלוסטן דערצו.

## פון דעם מצריי'שע קולטור ביז צו מקבל זיין די תורה

**די** דאזיגע צוויי נקודות, דער אמונה אין ה' אחד, און דער שלימות פון דער באציאונג "בין אדם לחבירו", זענען געווען א טאטאלע קעגנזאץ צו דער - להבדיל - אזוי גערופענעם "קולטור" פון מצרים. דעריבער

איז קלאר, אז ארויסגיין פון אזא עקסטרעמען גלות, ביז צו אזא מין חירות, קען נאר ווערן אין א דרך פון "דילוג וקפיצה", פון שפרינגען און איבערשפרינגען.

**וואס** מיר דארפן פון דעם נעמען: כאטש מיר זענען אין א גשמיות'דיגע און חומריות'דיגע פארגרעבטע וועלט, און אידן זענען "מעט מכל העמים". אזוי אויך אין פערזענליכן לעבן, גייט רוב פון די צייט אויף גשמיות'דיגע זאכן ווי עסן, טרינקען, שלאפן, פרנסה און אזוי ווייטער, ווערט אבער ערוואַרטעט פון יעדער איד, און דער אייבישטער געבט די כוחות אויף דעם, אז ער זאל ארויסגיין פון די אלע ענינים פון גלות, און צוקומען צו די אמת'ע חירות, כאטש מען איז נאך אין גלות.

בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרָיִם. שֶׁנֶּאֱמַר וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם. לֹא אֶת אֲבוֹתֵינוּ בִּלְבָד גָּאַל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִמִּצְרַיִם אֶלָּא אַף אוֹתָנוּ גָּאַל עִמָּהֶם. שֶׁנֶּאֱמַר וְאוֹתָנוּ הוֹצִיא מִשָּׁם לְמַעַן הָבִיא אוֹתָנוּ לָתֶת לָנוּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתֵינוּ:

## לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם

### "יציאת מצרים" אין גוף, אין נשמה, און אין וועלט

**גלות** מצרים איז געווען א פארשקלאפונג פון די דריי חלקים פון א מענטש: **(א)** דער חלק פון די נשמה, מצרים איז געווען א לאנד פון דער נידריגסטע מאראלישע געפאלנקייט, און דעריבער ווערט זי אנגערופן "ערות הארץ". **(ב)** דער חלק פון די גוף, די אידן האבן געארבעט "עבודת

פרך", די ערגסטע פיזישע פארשקלאפונג. **(ג)** אין די וועלט ארום, די שרעקליכע בארויבונג פון זייער חלק אין די וועלט צו וועלכע זיי זענען געווען בארעכטיגט אלץ מענטשן בכלל, און אידן בפרט.

**יציאת** מצרים איז געווען א פולשטענדיגער באפרייאונג פון אלע דריי, **(א)** אנהייבנדיג פון דעם באפרייאונג פון דער נשמה דורך נעמען שעפסלעך, דער עבודה זרה פון מצרים און באווייזן זיין נישטיגקייט דורך ברענגען דעם שעפסל אלס קרבן. **(ב)** די פולשטענדיגע באפרייאונג פון דער גוף, די אידן זענען ארויס פון מצרים "ביד רמה", מיט א גרויסע פאראדע און מיט אן אויפגעהויבענע קאפ. **(ג)** זיי זענען ארויס מיט א "רכוש גדול", מיט א גרויסע רייכטום, זייער חלק אין די וועלט.

### דער "יציאת מצרים" ביי יעדער איינער, אין גוף און וועלט

**עס** זענען דא אזעלכע וואס ווילן זיך באגניגענען מיט דער באפרייאונג פון דער נשמה, ער דאוונט, ער לערנט תורה און אזוי ווייטער, אבער אז ער זעצט זיך עסן און טרינקען, איז ער פארשקלאפט צו דער "בהמה" וואס איז דא אינעם מענטש.

**עס** איז דא א צווייטע שיטה, אז מען אנערקענט אז אויך דער גוף און זיינע באדערפענישן דארפן באפרייט ווערן און מען דארף זען אז דא עסט א איד, אבער אז מען גייט ארויס פון שטוב און מען דארף טון אין וועלט און **אויפטון** אין די וועלט, באקומען רכוש, מיינט מען אז אין דעם דארף מען זיין אן עבד (שקלאף) פון דעם היינטיגן "ארץ מצרים", ווייל די תורה, דער שלחן ערוך, זיין **יציאת** מצרים האט ער געלאזט און פארשלאסן אין שטוב.

**דאס** דערמאנט מען און מען פאדערט פון יעדער איינער, "תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", יעדער טאג פון לעבן דארף א איד געדענקען יציאת מצרים, געדענק אז דו ביזסט **באפרייט** געווארן, א באפרייאונג פון דער נשמה, א באפרייאונג פון דער גוף, און די באפרייטע

נשמה און גוף האבן געמאכט פון מצריי'שע רכוש אז עס איז געווארן **זייערע** רכוש, א **אידישע** רכוש.

לְפִיכָךְ אֲנַחְנוּ חַיָּבִים לְהוֹדוֹת לְהַלֵּל לְשַׁבֵּחַ לְפָאֵר לְרוֹמֵם לְהַדֵּר לְבָרֵךְ לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס. לְמִי שֶׁעָשָׂה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ אֶת כָּל הַנִּסִּים הָאֵלּוּ. הוֹצִיאָנוּ מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת. מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה. וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב. וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל. וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה. וְנֹאמַר לְפָנָיו הַלְלוּיָ-ּ:

## וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל

### וואס איז טאקע לעכטיג?

**אין** די היינטיגע וועלט, איז דא אן אפטע מציאות אז מענטשן פארמישן, און "שמים חושך לאור ואור לחושך", מען איז אזוי פארזונקען אין דעם פינסטערן גלות, ביז מען מיינט גאר אז דער מצב אין גלות איז לעכטיג, און מען מיינט אז דער אמת'ע אור איז חושך.

**ר'** לייב שיינין איז געווען א חסיד פון דער רבי ר' יוסף יצחק פון ליובאוויטש. איינמאל, האט ער געדארפט פארן פון איין שטאט צום צווייטן, איז מיט אים מיטגעפארן א בחור. אנקומענדיג אין דעם סטאנציע, איז דער בחור נתפעל געווארן צו זען דער שיינקייט און לעכטיקייט פון דער פראכטפולע סטאנציע, ווי באוואוסט אז די רוסישע פלעגן בויען אלע סטאנציעס שיין ווי א פאלאץ, צו ווייזן זייער מאכט און רייכקייט. האט זיך דער בחור אויסגעדריקט "אה! ס'איז לעכטיג". ר' לייב האט גלייך געזאגט פאר'ן בחור: "ס'איז פינסטער, פינסטער, פינסטער!" ווייל די גרויסע שיינקייט און גלאנץ וואס די וועלט ווייזט איז נישט קיין אמת'ע שיינקייט, עס איז נאר "אפילה", דער אמת'ע "אור" איז די ליכטיקייט פון תורה און מצוות.

# רָם עַל כָּל גּוֹיִם ה'.. הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת

## דער אייבישטער לאזט זיך אראפ צו אונז

**"רם** על כל גוים ה'" די גוים זאגן אז דער אייבישטער איז "רם", הויך, און איז צו הויעך צו קענען האנדלען מיט אלע אקטיוויטעטן פון דער וועלט. מיט דעם טענה'ן די גוים אז פאר דער אייבישטער פאסט נאר צו האנדלען מיט העכערע וועלטן, אבער דער דאזיגע וועלט האט דער אייבישטער איבערגעגעבן פאר די כוכבים און מזלות צו פירן, און עס גייט אים נישט אן ווי אזוי מענטשן פירן זיך. דעריבער בוקן זיי זיך צו עבודה זרה, מיינענדיג אז די כוכבים און מזלות קענען זיי העלפן.

**אידן** ענטפערן אבער ניין, "המשפילי לראות", דער אייבישטער לאזט זיך אראפ צו זען וואס מיר טוען, און ער אליין פירט דעם גאנצן וועלט. דאס וואס דו זאגסט אז דער אייבישטער פאסט נאר זיך צו אראפלאזן פאר די העכערע וועלטן, איז טאקע אמת "המגביהי", אז ער איז זייער הויך, אבער מיט דעם אלעם לאזט ער זיך אראפ צו אונז, "לשבת". און פאר דער אייבישטער, איז אויך דאס האנדלען מיט די העכערע וועלטן אן אראפנידערונג, דעריבער איז "המשפילי לראות בשמים ובארץ", דער אייבישטער לאזט זיך אראפ צו דעם הימל פונקט ווי ער לאזט זיך אראפ צו אונז. און יעדער מעשה אונזערע איז יא וויכטיג, און גאר וויכטיג ביי דעם אייבישטער.

# מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת

## יציאת מצרים - דער געבורט פון כלל ישראל

**דער** תכלית פון יציאת מצרים איז געווען בכדי צוצוקומען צו הר סיני און דארטן מקבל זיין אויף זיך צו ווערן עבדי ה', ווי דער אייבישטער האט געזאגט צו משה רבינו "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה", אז דער תכלית פון יציאת מצרים איז געווען אז אידן זאלן אנקומען צו הר סיני, און ווערן עבדים פון דעם אייבישטער.

**דער** יום-טוב פון פסח באצייכנט דעם "געבורט" פון אידישן פאלק, און דאס דערוועקט דער געדאנק אריינצוטראכטן וואס און ווי אזוי דארף זיין דעם לעבנס-וועג פון א איד, און וויאזוי צו דערגרייכן דעם תכלית פון זיין מציאות (עקזיסטענץ), צי א מענטש זאל שטרעבן צו האבן א מינימום אנשטרענגונג און א מאקסימום צופרידנקייט, אדער אז דאס לעבן זאל זיין א לעבן פון הארעוואניע און מאקסימום דערגרייכונגען, א לעבן פון אסאך אויפטון.

## א מענטש ווערט געבוירן "לעמל", צו הארעווען!

**אויפן** ערשטן קוק, אויף דעם יסוד פון דער אמונה אז דער אייבישטער איז דער עצם הטוב, גוטסקייט אליין, און דעריבער איז דער אייבישטער "טבע הטוב להטיב", ער וויל טון גוטס, וואלט זיך געדארפט לייגן אויף שכל אז דער גרעסטער שלימות איז ווען מען באקומט דעם מאקסימום פון תענוג אן קיין שוועריגקייטן און אן מאטערניש.

**אבער** די תורה זאגט אז "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד" (איוב ה, ז), אז דער מענטש איז געבוירן געווארן זיך צו פלאגן, און גלייך ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן איז דאס געווען "לעבדה ולשמרה", צו באארבעטן אין היטן דעם וועלט. דאס איז טאקע צוליב דעם וואס דער אייבישטער וויל געבן דעם מענטש דעם טוב בשלימות, און דער נאטור פון א מענטש איז אז ער האט אן אמת'ן תענוג נאר ווען ער ווערט א "שותף" אין דעם אויפטו, און דערגרייכט דאס מיט זיין אייגענע הארעוואניע און מאטערניש. אויב אבער ער באקומט דאס אלץ מתנה איז דאס א דערנידערונג פאר אים, ווי עס ווערט אנגערופן "נהמא דכסופא", פארשעמטע ברויט, דערפאר וואס דער שלימות פון תענוג איז אז וואס גרעסער דער הארעוואניע, אלץ געשמאקער איז די פרוכט און דער דערגרייכונג.

## צו ווערן א שותף מיט דעם אייבישטער

**דוקא** דורך דעם וואס דער מענטש באקומט דער שלימות דורך זיין אייגענע עבודה, ווערט ער א "שותף" מיט דעם אייבישטער אין אויספירן דעם

תכלית פון דער וועלט, ווי חז"ל זאגן "שותף להקב"ה במעשה בראשית" (שבת קיט, ב). אזוי איז געווען ביי יציאת מצרים, אז טראָצדעם וואס יציאת מצרים איז געווען א מתנה מיט גאר וואונדערליכער ניסים, איז דאס אבער מלכתחילה געווען פארבונדן מיט "תעבדון את האלקים", דער זכות צו דינען דעם אויבערשטן.

**קומט** אויס אז דער שטרעבונג פון א איד דארף זיין צו טון און אויפטון, און נישט סתם טון, נאר מיט א הארעוואניע, וואס די תורה רופט עס אן "עמל". און ערשט דאן דערהויבט ער זיך פון דער מדריגה פון "אדם - עפר מן האדמה", אז ער נעמט זיך פון דער ערד, צו דער מדריגה פון "אדם - אדמה לעליון", אז דער מענטש איז ענליך, כביכול, צו דער אייבישטער.

## מַצָּה

### מצה איז דער מאכל פון אמונה

**עס** איז באוואוסט דאס וואס דער זוהר הק' זאגט (זוהר חלק ב' קפג, ב) אז מצה איז א "מיכלא דמהימנותא"- א מאכל פון אמונה, דאס מיינט אז דורך עסן מצה אליין, ווערט פארשטארקט די אמונה ביי אידן.

**פסח** אויף דער נאכט האט אריינגעשיינט ביי אידן דער אמונה אויף א העכערע פארנעם, נישט נאר דער אמונה אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס מען דארף צו אים אנקומען, נאר אז דער אייבישטער איז העכער פון אלעס וואס איז דא, און אז אלץ איז "כלא חשיב" אז דער גאנצער וועלט מיט אלע באשעפענישן האבן נישט קיין ווערד לגבי דעם אויבערשטען. דער אמונה ברענגט א מענטש צו אן אמת'ן "ביטול", און מעקט אויס דעם גרויס-האלטן זיך פון א מענטש.

**אט** דער אמונה ווערט אנגעוויזן אין דער מאכל פון מצה. ביי חמץ הייבט זיך דער טייג, אבער ביי מצה בלייבט דער טייג אזוי ווי ער איז. אין רוחניות איז חמץ אויפגעבלאזנקייט, זיך האלטן גרויס, מיט א גאוה. און

מצה ווייזט אויף ביטול, צו דערקענען אז אלץ וואס מ'האט קומט פון דעם אייבישטער און אז דער מענטש האט נישט מיט וואס צו שטאלצירן, זעענדיג אז אלץ קומט פון אויבן.

## צָפוּן

### צו מבטל זיין דעם יצר הרע וואס באהאלט זיך

**דער** מלמד פון דער רבי רש"ב מליובאוויטש איז געווען א איד מיט'ן נאמען ר' שלום קיידאנער. ר' שלום האט אמאל געפרעגט ביי דער טאטע פון דער רש"ב, דער רבי מהר"ש, פארוואס דארף מען באהאלטן דעם אפיקומן. האט אים דער רבי געענפטערט, ווייל עס שטייט אין הגדה "צפון". האט ר' שלום אים ווייטער געפרעגט, אויב וואלט נישט געשטאנען אין הגדה "צפון" וואלט מען נישט געדארפט באהאלטן דעם אפיקומן?

**האט** דער רבי מהר"ש געענטפערט אז דער אפיקומן איז א נתינת כח, עס געבט א כח צו פארברענען דעם יצר הרע וואס באהאלט זיך אין א מענטש, ווי דער פסוק רופט אן דעם יצר הרע "ואת הצפוני". און דער אפיקומן איז דאס וואס געבט כח צו מבטל זיין דעם יצר הרע, ווייל דער אפיקומן האט נישט קיין טעם, און דער וועג צו מלחמה האלטן מיט דעם יצר הרע איז נישט דורך טעם און שכל, נאר צו גיין מיט א תוקף, צו זאגן דעם יצר הרע "נישט" און "יא", אז וואס מען טאר נישט, טאר מען נישט, און וואס מען דארף טון, דארף מען טון.

**פארוואס** ניצט מען דעם דא דוקא דעם נאמען "צפון" אויף דער יצר הרע דאס איז וויבאלד אז עס קען זיין א "רע הנעלם", א באהאלטענעם רע, אז אפילו מען פילט אז אלץ איז אין ארדערונג, קען זיין אז טיף טיף איז דא די "רע". ווי די גמרא דערציילט (ברכות כח, ב) וועגן רבי יוחנן בן זכאי, אז כאטש ער איז געווען א צדיק גמור, האט ער געזאגט "איני יודע באיזו דרך מוליכין אותי" - איך ווייס נישט אין וועלכע וועג זיי וועלן מיר פירן, ווייל ער האט חושש געווען טאמער טיף אינעווייניג איז ער נאך נישט בשלימות.

**און** דעם וועג צו מבטל זיין דעם "רע" איז דורך לערנען דעם פנימיות פון תורה, דעם "צפון", באהאלטענעם חלק פון תורה, וואס איז מעורר דעם נשמה און דעם טיפן בונד צום אייבישטער.

### דער יצר הרע באהאלט זיך אין פארשידענע לבושים

**כ"ק** אדמו"ר מוהרש"ב האט דערציילט א מעשה פון ווען ער איז געווען פערצן יאר אלט: יעדער שבת פלעגט זיין טאטע, דער רבי מהר"ש, רעדן א תורה, א "מאמר", און א גאנצע וואך פלעגט ער דורכטון די תורה. איין וואך, ער האט אסאך געטון אין דעם תורה פון דער פריערדיגער וואך, אבער ער איז נאך נישט געווען גרייט צו הערן א נייער מאמר פון דעם נייעם שבת...

**האט** אים זיין טאטע געזאגט: דער יצר הרע הייסט נפש הבהמית, נישט דוקא ווייל ער איז א בהמה, אמאל קען ער זיין דער שועל - דער קלוגסטער חיה, און אמאל דארף מען זיין זייער קלוג צו פארשטיין זיינע תחבולות. אמאל טוט ער זיך אן אין דער לבוש פון א צדיק תמים, פון אן עניו און א בעל מדות טובות.

**דער** נפש הבהמית פון יעדער איינער איז לויט זיין אייגענע מהות. עס קען זיין איינער וואס ווערט נתעורר מיט א גרויסן חשק צו לערנען חסידות אדער צו אריינטראכטן אין א טיפע געדאנק, אבער אין אמת'ן איז דאס נאר אן עצה פון דער יצר הרע וואס זוכט אים שטערן פון דאווענען, א.א.וו.

**נעם** דעם כלל, און געדענק עס שטענדיג: יעדער זאך וואס העלפט אדער געבט צו אין עבודה, איז יעדער שטערונג אויך דעם, אפילו אויב עס איז פון די העכסטע זאכן, איז א תחבולה פון דער יצר הרע.

**דער** רבי רש"ב האט אויסגעפירט, אז ביז דעמאלטס האט ער נישט געוואוסט אז עס קען זיין א פרומער נפש הבהמית, וואר רעדט נאך א חסידישער נפש הבהמית.

ופותחין הדלת ואומר:

שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ אֶל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּךָ וְעַל מַמְלָכוֹת אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ לֹא קָרָאוּ: כִּי אָכַל אֶת יַעֲקֹב וְאֶת נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ: שְׁפָךְ עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ וַחֲרוֹן אַפְּךָ יַשִּׂיגֵם. תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם מִתַּחַת שְׁמֵי ה':

## שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ

### בעטן אויף רוחניות בשעת'ן סדר

**דער** רבי אדמו"ר מוהריי"ץ האט דערציילט, אז זיין טאטע האט אים אמאל געזאגט:

**"יוסף** יצחק מ'דארף טראכטן (במשך הסדר) אויף זיין אַ מענטש וועט דער אייבישטער העלפן. בפרט בעת פתיחת הדלת. בעט נישט קיין גשמיות בעט רוחניות".

### די טירן פון אויבן ווערן אויך געעפנט

**די** ערשטע נעכט פון פסח, עפנט מען די טירן פון שטוב (שו"ע סימן ת"פ).

**חז"ל** זאגן אז "מה שהוא עושה אומר לישראל לעשות" (ירושלמי ר"ה פ"א, ה"ג), דאס וואס דער אייבישטער טוט, הייסט ער אונז טון. פון דעם וואס דער אייבישטער הייסט אונז עפענען דעם טיר פסח ביינאכט, איז א ראי', אז דער אייבישטער עפנט אויך די טירן למעלה. די נעכט פון פסח עפנט דער אייבישטער אלע טירן צו יעדער איד, ווי עס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר "אוצרות טללים נפתחים בזו הלילה" (פרק ל"ב). און דעריבער קען יעדער איינער, נישט קיין חילוק אלע זיינע מעשים דורך דעם יאר, קען דערגרייכן די העכסטע מדריגות, אין אן אופן פון "פסח" פון שפירנגען און גיין שלא בהדרגה כלל.

לֹא לָנוּ ה' לֹא לָנוּ כִּי לְשִׁמְךָ תֵּן כָּבוֹד עַל חַסְדְּךָ עַל אֲמִתֶּךָ. לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה נָא אֱלֹקֵיהֶם. וֵאלֹקֵינוּ בַשָּׁמָיִם כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ עָשָׂה. עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם. פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ. אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן. יְדֵיהֶם וְלֹא יְמִישׁוּן רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ לֹא יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם. כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר בֹּטֵחַ בָּהֶם. יִשְׂרָאֵל בְּטַח בַּה' עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא. בֵּית אַהֲרֹן בִּטְחוּ בַה' עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא. יִרְאֵי ה' בִּטְחוּ בַה' עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא

## לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם

### באפרייען זיך פון דעם זארג "וואס וועט דער גוי זאגן"

**ווי** דערמאנט שוין פיל מאל, חג הפסח איז נישט נאר א יום טוב ווען מיר דערמאנען וואס איז געשען צו אונזערע זיידעס, נאר יעדער יאר, דארף יעדער איינער ארויסגיין פון זיינע אייגענע "מצרים", פון די שטערונגען פון זיין נשמה, שטרעבן און טון פאר דער פולשטענדיגער חרות און גאולה.

**יציאת** מצרים איז געווען "ביד רמה וברכוש גדול", אזוי אויך ביי אונז, טאר מען נישט אפשטעלן אדער קווענקלען אין וועג, מען טאר זיך נישט באגנוגענען מיט די ערשטע דערגרייכונגען, נאר מען דארף גיין ווייטער, שטייגן העכער און העכער, ביז מען דערהערט און מען דערפילט דעם "אנכי ה' אלקיך".

**די** דאזיגע אנווייזונגען זענען ספעציעל וויכטיג און נוגע אין אונזער צייט, ווען עס זעט זיך אן א באוועגונג, נישט נאר פון יחידים נאר אויך פון גאנצע גרופעס און שיכטן, צו באפרייען זיך פון דער גייסטישע פארשקלאפונג, און צו גיין אויפ'ן וועד פון אמת'ע חרות - פולשטענדיגע באפרייאונג פון דעם שרעק "וואס וועט זאגן דער גוי",

**דער** גוי" אין פשוט'ן זין פון ווארט, די גוי'שע רייד פון א פארבלאנדזשעטן איד, און דער גוי וואס איז ביי זיך אליין - דער יצר הרע. צו זיי איז דער רוף פון פסח, שטעלט זיך נישט אפ, גייט ווייטער, שטייגט העכער "ביד רמה". און דעמאלטס איז זיכער אז מיר וועלן ארויסגיין לחירות פאר אונזער גאולה "בנערנו ובזקננו, בבננו ובבנותינו" - מיט דער יוגנט און מיט די אלטע, מיט די זין און מיט די טעכטער, און "ברכוש גדול".

## וֵאלֹקֵינוּ בַשָּׁמָיִם, כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ עָשָׂה

### דעם אויבערשטן'ס רצון איז אויך מצוות

**דאס** וואס א פעולה פון קדושה ווערט אויפגעטון דורך רוחניות'דיגע עבודה, אזוי ווי די הייליגע אבות, אדער דורך א מענטש'ס עבודה אין אהבת ה' און פארשטיין גדלות ה', איז פארשטענדליך. וויבאלד אז "ואלקינו בשמים", ג-טליכע און הייליגע זאכן זענען "בשמים", אין רוחניות'דיגע עולמות, און אין עבודת ה'. אבער וואס איז דער חשיבות פון מקיים זיין מצוות אין גשמיות?

**אויף** דעם קומט דער המשך פון פסוק, אז "כל אשר חפץ עשה", "חפץ" איז גאר א טיפער רצון, וואס נעמט זיך פון טיפן הארצן. און וואו איז דער "חפץ ה'", דעם אייבישטער'ס טיפער רצון? - דאס איז אין דער "עשה", אין די מצוות וואס מיר טוען אין גשמיות, דורך אויספירן דעם אייבישטער'ס מצוות אין פשוט'ע זאכן.

## עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב

### זיי ווערן אין "עצבות" פון גאלד און זילבער

**דער** "מיטעלער רבי", רבי דובער, דער זון פון דער "בעל התניא", איז געווען גרויס אויך אין זיינע יונגע יארן.

**איינמאל,** אהיימקומענדיג פון חדר, האט דער "מיטעלער רבי" געזען עטליכע חסידים ווארטנדיג צו אריינגיין אין "יחידות", צו רעדן פריוואט מיט זיין טאטע דער "בעל התניא". דער קינד הערט ווי איינער - דער חסיד ר' שמואל מונקס - פרעגט זיין חבר, דער חסידישער גביר ר' יוסעלע פון שטאט "שקלאוו": פארוואס ער איז אזוי געפאלן? ר' יוסעלע האט געענטפערט: "ווייל דער מצב איז שווער און דער פרנסה איז שוואך".

**ווען** דער קינד האט געהערט דעם ענטפער, האט ער זיך צוריקגעקערט צו ר' שמואל מיט א וואונדער: פארוואס פרעגסטו אזא מין שאלה, עס שטייט א קלארע פסוק אין תהילים: "עצביהם כסף וזהב מעשה ידי אדם". אז דער סיבה פאר דער עצבות זייערע איז - כסף וזהב, גאלד און זילבער, זיי זענען בלינד און נאריש, און מיינען אז גאלד און זילבער פארדינט א מענטש דורך די אייגענע כוחות. זיי רעדן זיך איין אז וואס מער א מענטש הארעוועט צו ארבעטן וואס מער אין ביזנעס דורך לויפן קיין לייפציג און קעניגסבערג צו ברענגען מער סחורה, אז פון דעם וועלן זיי פארדינען מער געלט. און דעריבער איז:

**"פה** להם ולא ידברו" - זיי האבן א מויל, זיי רעדן חסידות, אבער "ולא ידברו", זיי ברענגען נישט אריין די ווערטער, אז די ווערטער זאלן נעמען קאנטראל אויף זיי אינעווייניג (ידברו מלשון "ידבר עמים"). "עיניים להם ולא יראו" - זיי זעען נישט דעם השגחה הפרטית, און "אזנים להם ולא ישמעון" - זיי הערן נישט דעם כוונה הפנימית, און במילא איז "ולא יריחון" - עס פעלט ביי זיי דעם "חוש הריח", און דורך דעם ווערט אן עבודה זרה"...

## עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ

### "אבער נישט פויערישע יארן וואס מען זעט נישט קדושה"

**דער** בעל התניא האט געהאט א חסיד מיט'ן נאמען ר' יקותיאל ליעפלער. דער בעל התניא האט אים אמאל געוואלט בענטשן מיט עשירות, צו

ווערן רייך. האט ר׳ יקותיאל געענטפערט אז ער וויל נישט ווערן רייך, אז דער רייכטום זאל אים נישט שטערן פון לערנען חסידות און טון אין עבודת ה׳ אין דעם דרך פון חסידות. האט אים דער בעל התניא געוואלט בענטשן מיט אריכות ימים, האר ר׳ יקותיאל געזאגט "אבער ניט מיט פויערישע יארן, וואס עינים להם ולא יראו אזנים להם ולא ישמעו, מען זעט ניט קיין ג-טליכקייט און מען הערט נישט קיין ג-טליכקייט".

**מ׳דארף** אבער פארשטיין דער מעשה: ווען איינער געבט א מתנה פאר א צווייטן, און אוודאי ביי א גרויסע מתנה, לייגט מען נישט צו קיין תנאים ווי אזוי און וואס פאר א מתנה צו נעמען. און דעריבער, וויבאלד אז אריכות ימים איז אויך א געוואלדיגע ברכה, איז פארוואס האט ר׳ יקותיאל צוגעלייגט תנאים וויאזוי ער וועט נעמען דעם ברכה?

**נאר** דער ביאור אין דעם איז, אז ר׳ יקותיאל האט נישט צוגעלייגט א תנאי אין דעם ברכה, נאר ביי אים איז געווען פשוט אז אמת׳ע "לעבן" איז מיט דביקות צו ה׳. און דעריבער האט ער געמאכט דעם תנאי "אָבער ניט מיט פּויערישע יאָרן", ווייל טעג און יארן אן פילן דעם אייבישטער איז נישט געווען קיין לעבן, נאר פארקערט, ער האט מואס געווען אין אזא סארט לעבן.

# לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם

## דער סיום פון די הגדה

**דער** סיום און הויכפונקט פונעם סדר ענדיגט זיך מיט אט דעם געשריי און געבעט "לשנה הבאה בירושלים"! די פשוט׳ע פירוש דערפון איז אז מיר בעטן ביי ה׳ יתברך אז ביי דעם נעקסטן סדר זאל שוין זיין די גאולה, און ממילא וועלן מיר זיין אין ירושלים עיה"ק.

**אין** א טיפערן דערהער, קען מען לערנען אז די ווערטער זענען נישט נאר א תפלה און א ברכה אויף שפעטער, נאר די ווערטער טראגן אויך דעם "סך הכל" וועגן אונזער עבודה יעצט, אונזער עבודה וואס ברענגט דעם גאולה. און דערפאר דערמאנט מען "ירושלים" דוקא, אנדערש ווי עס

שטייט פריער "לשנה הבאה בארעא דישראל", ווייל אונזער עבודה האט צו טון מיט ירושלים דוקא.

## דעם תכלית פון קדושה

**וועגן** ירושלים זעט מען צוויי זאכן (בנוגע צו דעם ענין): **א)** "אין מלינין בה את המת" (ב"ק פב, ב), מען טאר נישט לאזן איבערנעכטיגן א טויטן גוף אין ירושלים. **ב)** "לא אמר אדם לחבירו צר לי המקום שאלין בירושלים" (אבות פ"ה מ"ה), אז קיינמאל האט קיינער נישט געזאגט צו זיין חבר אז דער פלאץ איז צו קליין צו איבערנעכטיגן. די צוויי מאמרי חז"ל טראגן אויך א פנימיות'דיגן פירוש פון פנימיות התורה:

**"אין** מלינין בה את המת". אין א טיפערן זין איז די נאמען "לעבן" מיינט קדושה, ווייל קדושה איז חיות און לעבעדיגקייט, ווי עס שטייט "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום", אז דביקות צום אייבישטער איז "חיים". און דעריבער אין דעם רוחניות'דיגן געביט, דעם נאמען "מת", איז דארט וואו עס איז דא דעם היפך פון קדושה. און דאס איז די גרויסקייט אין "אין מלינין בה את המת", אז אין ירושלים איז נישט שייך אז עפעס וואס איז נישט קדושה זאל בלייבן קביעות'דיג - "אין מלינין".

**בנוסף** צו דעם וואס ירושלים איז שולל אלעס וואס איז היפך הקדושה, איז אין ירושלים מודגש דעם שלימות פון קדושה, א קדושה העכער פון די הגבלות פון דעם וועלט, "לא אמר אדם לחבירו צר לי המקום שאלין בירושלים".

**און** דאס איז דער תוכן פון דעם נאכט, צו פועל'ן דעם תכלית השלילה אויף אלע נישט-געוואונטשנע ענינים פון עבירות. און דאס ברענגט צו אז מיר זאלן ארויסגיין פון דעם גלות, און אריינגיין אין דעם גאולה העתידה, וואס איז העכער פון אלע הגבלות פון דעם וועלט.

## הבאה

**דעם** ווארט "הַבָּאָה" קען ווערן געליינט מיט דעם דגוש אויף דעם בי"ת, "הַבָּאָה" וואס מיינט אז עס איז שוין דא, אדער אויפ'ן וועג. אדער

קען דער דגוש זיין אויף דעם אל"ף, "הַבָּאָה", וואס מיינט אז עס קומט אינעם עתיד.

**לויט** דעם אויבנדערמאנטן פירוש קען מען פארבינדן ביידע משמעות'ן צוזאמען, אז דורך די עבודה יעצט, דורך שטיין אין א מצב פון "ירושלים", וואס דאס איז העכער פון יעדער שייכות צו א חטא, דאס איז דער כח צו ברענגען צו "הַבָּאָה" - צו דעם גאולה האמיתית והשלימה בב"א.

אין דעם נוסח פון הגדה, האט דער "בעל התניא" נישט אריינגעלייגט דעם פיוט "חֲסַל סִדּוּר פֶּסַח", וויבאלד דער סדר פון פֶּסח ענדיגט זיך נישט, נאר עס ווערט נמשך אויף א גאנץ יאר, ווייל דער ענין פון פסח איז דאך יציאת מצרים, און א מענטש דארף שטענדיג ארויסגיין פון זיין "מצרים".

# רשימות המקורות

**פתיחה**
מכתב כללי ר"ח ניסן תשי"ב. תשל"ב

**מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה**
סידור האריז"ל (לר"ש מרשקוב) – קודם מה נשתנה. לקוטי תורה ד"ה להבין מ"ש בהדגה מצה זו- פרשת צו יב, ב. לקוטי תורה ברכה צח, ב. שיחת ליל א' דחה"פ תשי"ז

**אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה**
קדושת לוי

**זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם**
מאמר ד"ה כימי צאתך תש"ח. מכתב כללי תשי"ח

**מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת**
ע"פ שיחת י"א ניסן תשל"ב

**לַזְּמַן הַזֶּה**
דרך מצותיך מצות השבתת חמץ ואכילת מצה

**הֵא לַחְמָא עַנְיָא**
לקוטי שיחות חלק יז שיחה ב לחג הפסח

**לַחְמָא עַנְיָא**
לקוטי שיחות חלק כו שיחה א לפרשת וארא

**חָמֵץ אוֹ מַצָּה**
על פי מכתב כללי תשל"ג

**הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין**
ליל ב' דחג הפסח תשי"ב

**מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר**
ספר השיחות תש"ד ס"ז. היום יום כו מנחם-אב

**וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר .. הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח**
ליל ב' דחה"פ תשי"ג

**וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה**
ספר השיחות תש"ג סעיף לו

**יְמֵי חַיֶּיךָ - הַיָּמִים**
ספר השיחות תרצ"ב, מרשימות. ועד"ז ספר השיחות תש"ג ע' 72

**כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ לְהָבִיא לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ**
ספר השיחות תרצ"ט ליל ב' דחה"פ. פירוש מהרה"ק הרב לוי יצחק שניאורסאהן ע"ה. וראה עד"ז בספר השיחות תש"ג. ע"פ סה"ש תשנ"ב ש"פ שמות ס"ו

**בָּרוּךְ הַמָּקוֹם, בָּרוּךְ הוּא**
ליל ב' דחה"פ תשי"ד. ספר השיחות תש"ג

**כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה בָנִים דִּבְּרָה תּוֹרָה**
ע"פ מכתב כללי ר"ח ניסן תשי"ב

**אֶחָד חָכָם וְאֶחָד רָשָׁע**
על פי חלק ממכתב כללי י"א ניסן תשי"ב

**חָכָם מָה הוּא אוֹמֵר?**
לקו"ש ח"ג שיחה לחג הפסח

**וְאֶחָד רָשָׁע**
ספר השיחות תש"ג ע' -74 סעיף מא

**רָשָׁע .. אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל**
לקוטי שיחות חי"א ע' 2. אחש"פ תשכ"ד סעיף כד

**מִתְּחִלָּה.. וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ**
ספר השיחות תש"ד . סה"מ קונטרסים ח"ג ע' עה ליל ב' דחה"פ תשי"ב

**צֵא וּלְמַד**
ספר השיחות תש"ד ליל ב' דחה"פ סט"ו

**וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה אָנוּס עַל פִּי הַדִּבּוּר**
מאמרי פורים

**וַיָּגָר שָׁם**
על פי מאמר ד"ה ואתה תצוה תשמ"א. מאמר ד"ה ויקח קרח תרס"ו

**בְּדָמַיִךְ חֲיִי, וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי.**
לקוטי שיחות חלק א' פרשת בא ס"א-ג

**וְאֶת עֲמָלֵנוּ - אֵלּוּ הַבָּנִים**
ע"פ שיחת ליל ב' דחה"פ תשט"ז, לקו"ש ח"א שמות. היום יום כב טבת

**כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ**
לקוטי שיחות חלק א׳ פרשת שמות

**וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה. אֲנִי וְלֹא מַלְאָךְ**
שיחת ליל ב׳ דחג הפסח

**אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ**
הסיפור על פי שיחת יט כסלו תש״כ

**גּוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי**
מכתב כללי תשל״ד

**וְסִפֵּק צָרְכֵּנוּ בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה**
מכתב כללי לחג הפסח תשל״א

**דָּם, צְפַרְדֵּעַ**
לקוטי שיחות חלק א׳ פרשת וארא. הסיפור ממקומות אחרות

**צְפַרְדֵּעַ**
לקוטי שיחות חלק כ״א וארא ב

**פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר**
על פי מכתב כללי י״א ניסן תשל״ז

**פֶּסַח שֶׁהָיוּ אֲבוֹתֵינוּ אוֹכְלִים**
חלק ממכתב כללי לחג הפסח תשכ״ו. הועתק בלשונו

**פֶּסַח שׁוּם שֶׁפָּסַח**
ממכתב כללי ר״ח ניסן תשל״ו

**בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם**
מכתב כללי לחג הפסח תשכ״ב

**רָם עַל כָּל גּוֹיִם ה׳.. הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת**
על פי מאמר ד״ה מים רבים תשי״ז

**וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל**
מפי חסידים

**מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת**
על פי חלק ממכתב כללי י״א ניסן תשל״ב

**מַצָּה**
דרך מצותיך מצות חמץ ומצה

**צָפוּן**
ליל ב׳ דחג הפסח תשי״ח. המעשה על פי לוח ״היום יום...״ כ״ג סיון

**שְׁפֹךְ חֲמָתְךָ**
שיחת ליל ב׳ דחה״פ תשי״א. לקוטי שיחות ח״ד הוספות לחג הפסח

**לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם**
על פי מכתב כללי לחג הפסח תשי״ט

**וֵאלֹקֵינוּ בַשָּׁמָיִם, כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ עָשָׂה**
מאמר ד״ה צהר תרע״ג, המשך תער״ב פרק פ״ז

**עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב**
ספר התולדות אדמו״ר האמצעי

**עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ**
הסיפור מ״היום יום...״ ו חשון. ביאור הדבר, קונטרס ענינה של תורת החסידות סעיף י״ב

**לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם**
ליל א׳ דחה״פ תשי״ב

**אין אומרים חסל סידור פסח:** ספר השיחות תש״ג ליל ב׳ דחג הפסח סמ״ז

לזכות

**לאה רוזה שבה**

בת **מנוחה רחל**

נולדה ביום ו׳ אדר שני תשפ״ב

נדבת אבי׳ מו״ה **שניאור זלמן לארענס** שי׳

לעילוי נשמת

ר׳ **יוסף חיים** בן ר׳ **רחמים** ע״ה

לרגל יום היארצייט שלו, ב׳ ניסן

נדבת נכדו מו״ה ר׳ **יואב בן-יואב** שי׳

לעילוי נשמת

הרה״ג ר׳ **ישראל יצחק פיקארסקי** ע״ה

ראש ישיבת תומכי תמימים ליובאוויטש המרכזית

משך למעלה מחמישים שנה

נדבת חתנו הרב **חנני׳ אלעזר יום טוב ליפא רובנער** שליט״א

לזכות

הרב הת׳ **יעקב יוסף צמח**

וזוגתו מרת **מלכא** שתחי׳

ובתם **לאה יהודית**

ראסקין